STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02868

UNTER EYN DAKH

M. Shifris

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה שיפרים / אונטער איין דאַך

אין ליכטיקן אָנדענק

פון מיין שוועסטער שרה'קע,
איר מאַן בערל קאַנער,
(שוחט אין בעלץ, בעסאַראַביע)
זייער איינציקע טאָכטער פייגעלע
און אירע קינדער —
דריי דורות אומגעקומען
אין איין טאָג
פון די קוילן פון די רומענישע פאַשיסטן —
ימח שמם.

ביכער פון משה שיפריס

לידער, 1922
ראַכאַמאַ און אַנדערע לידער, 1925
ציגל (דערציילונגען), 1929
מלחמה־טעג (פּאָעמע), 1937
אונטער איין דאַך, 1970

פֿאַר קינדער:

נישט געשטויגן, נישט געפֿלויגן, 1928
די מאַמע וואַך מיט די זיבן טעג, 1941
פֿויגל קאַנאַריק און אַנדערע מעשׂות, 1950
4 קעשענע ביכלעך

טעקסט־ביכער:

אַרבעטער שול (אינאיינעם מיט נ. קאַמענעצקי), 1934
מיין בוך (אינאיינעם מיט א. גאָלדבערג), 1939
מיין יידיש בוך, 1945

ביכער איבערגעזעצט פון ענגליש:

דזשאָרדזשיאַ ניגער פֿון דזשאָן ל. ספּיוואַק
טשילדרען אָוו רעוואָלושאָן פֿון אַנאַ לואיז סטראָנג
טוירד דעגרי פֿון עמאַנועל ס. לעווין

עס גייען אַריין אין דרוק:

פֿון בעלץ קיין ניו־יאָרק (אויטאָביאָגראַפֿיע)
— ערשטער באַנד
מיט יידישע שרייבער

משה שיפריס

אונטער איין דאַך

נייע און געקליבענע לידער



ארויסגעגעבן פון

איקוף פאַרלאַג

מיט דער הילף פון

משה שיפרים יובילײ בוך־קאָמיטעט

MOSHE SHIFRIS

Unter Ein Dach

(Under One Roof)

SELECTED POETRY

שער־בלאַט געצייכנט פֿון י אָ ס ל ק אָ ט ל ע ר

Copyright 1970 by Morris Shifris

Published by
Yiddisher Kultur Farband (YKUF)

Printed in U.S.A.

363

משה שיפריס

ציי כענונג פון בעריש וואלמאן

אינהאַלט:

שער־בלאַט געצייכנט פון יאָסל קאָטלער
פאָרטרעט פון מחבר געצייכנט פון בעריש וואַלמאַן
צייכענונג פון „הוידעלקע" פון ל. בונין

איך בין אַ פידל־סטרונע — 11
אַ חלום אויף באַרג — 17
יידיש — 22
פון דור צו דור . . . — 23
מאין יבוא עזרי ? — 25
אַ קאַשעק מיט שטערן . . . — 26
על משכבי בלילה . . . — 29
לויטער, לויטער . . . — 31
מיר פּראַוועז היינט אַ יום־טוב — 32

אין קלעם פון פויסט

אויף די וועגן פון סעלמאַ, אַלאַבאַמאַ — 33
ליד פון שוואַרצן שיכפּוצער — 36
הייסטינגס — 38
אויף די רייז־פעלדער פון וויעטנאַם — 40
שלום — 41
ליידיקע קוימענס — 41
אַ האַנט אויפן טיש — 42
אין קלאַס פון דערוואַקסענע — 43
פאַרד רוזש פלענט — 44

מלחמה־טעג, 1937

שטיבלער טאַנצן אַ קאַדריל — 47
אַ שטאָט אַן מענער — 50

זוניקע געזאַנגען

אינדיאַנער זומער־טאָג — 52
איך זינג אַ לויב — 53
פרילינג־רעגן — 53

די זון נידערט אראָפּ — 54
אַ ווינטער פרימאָרגן — 54
אַ שטראַל פון דער זון . . . — 55
אַז איך באַגעגן די זון — 56
טוי . . . — 57
די הימלען זיינען היינט פארכמורעט . . . — 58
פרילינג — 59
צו וועמען ? — 59
אַ מעת־לעת — 60
באָרט זיך דער פאַנטאַזן — 61
אַ זון איז געשטאָרבן — 61
דאָס אָנקומען פון שטורעם — 62
צייטיקע ווייַנטרויבן — 63
מיין צאַרטע פערלמוטער פען און מיין דיקע פאָונטענפען — 64
דער אַרבוז אויפן טיש — 65

דאָס לעצטע שפּילן פון דער יידישער קאַפּעליע — 66

דער יידנבוים — 72
מיר וועלן אָפּמעקן . . . — 77

אין לויף פון יאָרן

די נאַכט האָט געוויינט אויף זיין מזל — 79
אַ לעבן אַזעלכעס — 80
דער ניט־געשריבענער בריוו פון אַמעריקאַנעם ברודער —81
ביים צייטונגס־קיאָסק — 83
דער שטאָפּעט — 84
דאָס ליד פון נאַר און אָפּגענאַרטן — 85
סינאַריטאַ — 86
איך בין דער קאַפּריז — 87
לאַנדאַן — 88
אַלע חלומען מיר — 89
יעמוד, רב משה — 90
דער פּאָעט — 90

אויפֿן אָמניבוס דורך דער סובורביאַ — 91
דאָס ליד פֿון מיין טאַטנס תורה־לערנען — 92
בעלץ, מיין שטעטל — 95
איך גערענק... — 97

מ ד ב ר

ע׳סענקאַרי — 99
מיינע געצעלטן — 100
זיבן וועגן — 101
אונטער גיהנום פֿייערן — 101
איבראַהימס טויט — 103
נאָכן שניט — 104
קאַירא — 106
די וואַזאַ — 108
ראַכאַמאַ — 110

טעג פֿון טרויער

אין לאַנד פֿון טרויער — 114
ווי גוט איז דאָס לעבן — 115
דו ביסט נישט געקומען — 116
צו דער זון, צו דעם הימל — 117
אליין... — 117

ראָזשינקעס מיט מאַנדלען

עפּעס... — 118
בערל לעקיש — 119
דאָרט אין הימל — 120
די קאַץ מיט די קעצעלעך — 120
אַ גוטע נאַכט — 120
איך האָב ליב... — 121
די קאַץ האָט זיך געוואַשן — 121
פֿון וואַנען ? — 121
די ראָבע מיסעס הינדל — 122
אַ הענדל—אַ עסקימאָסל — 123

א פארקערטע וועלט — 124
פאלי דער פאפוגאי — 126
א שפיצל פון א ווינטל — 129
א פינגער אין טינט — 132
פאפיר און פען — 133
דער זייגער — 134
אז ס׳גייט א רעגן — 134
מיין צייטונג — 135
דער ווינט — 135
הוידעלקע (מוזיק: מיכל געלבארט) — 136
ערשטער מאי — 137
גייען מיר שפאצירן (מוזיק: בען יאמען) — 138
אויף די גרינע צווייגן — 139
מיני הא הא — 140
וויגליד — 141
עס זינגט די וועלט איין לידל — 142
קענט איר קינדער רעכענען? — 144
בערעלע, פערעלע — 145
ביים קעמפ־פייער — 146
ביי דעם פייער — 147
גאר און גארניט — 148
די מאמע וואד מיט די זיבן טעג — 150

עטלעכע ווערטער — 158

ספאנסארס

איך בין אַ פידל־סטרונע

איך בין אַן אָנגעצויגענע פידל־סטרונע,
עמאָציעס, געפילן,
פליסן ניט דורך מיר
ווי וואַסער דורך אַ רינע.

די מינדסטע עמאָציעס,
די צאַרטסטע געפילן,
צעציטערן, צעפלאַטערן מיך
ווי די ווינטן —
די פליגל פון מילן.

אַ בליק
אויף אָדערן ווי שטריק,
אויף אַ האַנט פון פראַצע,
אויף אַ גרויער שלייף.
אַ מענטש, אָנגעשפּאַרט אויף אַ באַוערי־וואַנט
מיט אַ פּום ווי אַ קראָקווע,
מיט בליקן אויסגעלאָשענע,
ווי גרויע האָלאָוועשקעס.

אויגן מיט טרויער, טיף ווי ברונעמער —
דרינגען מיר דורך
מיט צער ביזן ווערך.

קינדער מיט פּנימער פאַרעלטערטע,
מיט פאַרשטיקטן יאוש־כליפּ,
מיט ציטערדיקער ליפּ
ווי אַ זקן, אַן אָבל,
ווי האַרבסטיקעביימער
מיט וויינענדיקע בלעטער,

ווי מיינע אורעלטע זיידעס
ביי די טייכן פון בבל —
צעבויטען מיין רו,
מיינע טעג און נעכט ;
איך בין ווי אַ קריגער
אין שטענדיקן געפעכט.
איך טרענק זיך אין פּיין,
איך זינק אין טיפענישן,
אָן סופן, אָן ברעגן.
איך וואַנדער אויף בלינדע וועגן,
ווינטן פאַרווישן מיינע שליאַכן.
איך קאָן ניט שלאָפן,
איך קאָן ניט וואַכן.

אומרו פאַרשאָלטענער
ערגעץ אַ באַהאַלטענער
הויערט,
לויערט
אויף זיין קרבן.
וויל מיך אָרבן,
וויל מיך פאַרדאַרבן.

באַצערטע פּנימער ביי די טירן פון צדקה,
מאָנענדיקע בליקן.
קריפּלס, אינוואַלידן,
אויף האַרטע בענק פון שפּיטאָל־קליניקס,
מיט צעדרייטע פינגער,
ווי פאַרפּלאָנטערטע צווייגן
אין דזשאָנגל פון וואַלד,
בעטן לעבן, בעטן ברויט,
בעטן אויף אויסלייז,
בעטן אויף טויט.
זייער צער,
זייער טרויער,

אין שטענדיקן לויער
אויף מיין אויער —
צעציטערט אין מיר יעדן נערוו,
יעדעס פּיצל פון מיר
און טרעט קיינמאָל ניט אָפּ
פון מיין צעפּראַלטן האַרץ.

ביי סאָפּיסטיקער, ציניקער
בין איך דער נאַר
אין נעץ פון צער.

אין שלאָפלאָזע נעכט
זיי קומען, זיי מאָנען —
קינדער געשוואָלן פון הונגער,
זקנים און זקנות, אויסגעדייוועֶרטע,
ווי ביימער מיט דורשטיקע וואָרצלען,
אין לעצטער גסיסה,
אין בלאָטיקע, בלוטיקע טייכלעך,
אין בונקערס פאַרלענדטע,
ביי ברעגן פון רייז-פעלדער פאַרברענטע,
פאַרסמטע פון נאַפּאַלם
אין פאַרמוטשעטן וויעטנאַם.

עס טליעט אין מיר אַ נר-תמיד,
אַ פלאַקער, אַ צאָרן,
ווי דער ברענענדיקער דאָרן
פאַר די אויגן פון משהן,
וואָס וועט קיינמאָל ניט ווערן פאַרלאָשן.

די וועלט האָט פאַרשלאָסן
טיר און טויער אויף ריגל,
געוועין בלינד און טויב
צום נאַכט-געוואַלד פון גאָט-פאַרשאָלטענעם יידל.

זעקס מיליאָן הייליקע, לויטערע יידן
אויף הפקר געלאָזט אין די לאַפּעס
פון די טמאים-פאַשיסטן
און געבליבן איז
דאָס אַש פון זייער געביין אין די דייטשישע אויוונס,
באַבי יאַרס מיט שיכטן סקעלעטן גאַרן אויף גאַרן
און דער שארית הפליטה — אַ חלום אַ וויסטער.

זיי וואַנדערן אַרום אויף די גאַסן פון ישראל,
געשטעמפּלט ווי פּי, מיט נומערן אויף אָרעמס
און קוקן מיט שרעק אויף דעם באַלויכטענעם הימל
פון שונאס צעצאָרנטן פייער
און זייערע קינדער נאַכטן אין אונטערערדישע היילן
און מאַמעשע הענט אין געבעט: די קויל זאָל זיי מיידן.
זאָל שלום לעשן דאָס צעצונדענע פייער,
זאָל קומען די שפע אויף פעלד און אין שייער.

דער טייך מיסיסיפּי
לויפט פאַרביי מיינע אויגן.
ער טראָגט אין זיינע פאַלדן
דאָס קייטן-געקלאַנג פון שוואַרצע שקלאַפן.
פון די צעריסענע משפחות — די געוואַלדן;

הונדערטער יאָרן האָט מיסיסיפּי
געקילט די בייטשן-צייכנס
אויף די שוואַרצע פאַרפּייניקטע לייבער.
די ווייסע הערן האָבן פאַרקויפט די טאַטעס און קינדער
פאַר זילבער און גאָלד
און באַשלאָפן מיט געוואַלד זייערע ווייבער.

יעדן טאָג טויכן־אויף פאַר מיר
די פעלדער פון ביאַפראַ, אַפריקע,
עס פאַלן די לעצטע פאַרנאַכטיקע זונשטראַלן
אויף אָנגעהויפנטע בערג מיט קינדער,
טויטע פון שונא־הונגער.
בלאָקאַדעס פאַרצוימען די גרענעצן,
פאַרשטעלן די וועגן
פאַר רייז און קאַרטאָפליעס
פון די קינדערס וועגן —
ווי פאַרגראַטעטע פענצטער
מיט פאַרבילמעטע טאַפליעס.

פעלקער קעגן פעלקער
אויפגערייצט, אויפגעהעצט
פון הערשער אויף גילדענע טראָנען
מיט גלאַטינקע צינגער
און באַפליגלטע פראַזן,
מיט הערצער פון שטאָל און פון אייזן,
קרבנות פאַר פאָטערלאַנד זיי מאָנען.

קרבנות אויפן מזבח פון הפקר —
פאַר אויל־קוואַלן
און גאָלד־מינען
און הויכע ציפערן
אויף דעם פאַרצוקער —
דעם בירזשע־„טיקער",
אין דזשאָנגל פון הימל־קראַצערס,
אין וואָל־סטריט,
וואָס זאַמלט די שפע
פון בלוטיקער פראַצע.

דאָס געשריי פון מלחמה,
פון הונגער,
פון טויט,
פון יסורים
און פּיין,
פון אלמנות
און יתומים
צעשטורעמט,
צעבושעוועט
יעדן טראָפּן לעבן אין מיר.

איך בין אַן אָנגעצויגענע פידל־סטרונע.
עמאָציעס, געפילן,
פליסן ניט דורך מיר
ווי וואַסער דורך אַ רינע.
איך בין אַן אָנגעצויגענע פידל־סטרונע.

דער מינדסטער באַריר
צעציטערט, צעפלאַטערט מיך
ווי די ווינטן
די פליגל פון מילן.

אַפּריל 28, 1969, פּאַרק רידזש, ניו־דזשוירזי

אַ חלום אויף באָרג

א.

אַז איך וועל ערגעץ קריגן געלט אויף באָרג
און וועל פאַרלאָזן מיין ליבע שטאָט ניו-יאָרק,

ווייסט איר נאָך וואָס איך וועל בענקען, אוי-ווי, אוי-ווי,
נאָך לודלאָו סטריט און עוועניו עי.

און ווייסט איר פאַר וואָס, יאָ, פאַר וואָס?
טאַקע פאַר דאָס, יאָ, טאַקע פאַר דאָס.

ווייל דאָרטן האָב איך מיט פאַרחידושטע אויגן
דעם קאָפּ צום הימל פאַרריסן, געזוכט וואוהין די פייגל זיינען
געפלויגן.

ס'האָט מיר געריסן דאָס האַרץ אויף די גרויע מויערן
און די מענטשן אַרום זיי, וואָס יאָגן זיך נאָך עפּעס, וואָס זיי האָבן
פאַרלאָרן.

ערגעץ איבער בלייכע קעפּ פון מויערן האָט זיך גערוקט
אַ קרענקלעכע זון,
נאָר ווער האָט דען געוואוסט דערפון, יאָ, ווער האָט געוואוסט
דערפון?

די שטופּ-וועגעלעך מיט העמדער, טעפּלעך און גרינסן
האָבן די מענטשן פאַרכאַפּט ווי די גרעסטע געווינסן.

אַ ים מיט מענטשן האָבן אויף מיר געטאָן אַ פלייץ
און איך האָב געזען בעסאַראַבער פעלדער מיט גאָלדענעם ווייץ.

פרעמדע עלנבויגנס האָבן געשטאָכן מיינע ריפּן
און איך בין געגאַנגען מיט אַ ליד אויף די פאַרחידושטע ליפּן.

געקוקט אויפֿן הילצערנעם אינדיאַנער, ביים טאַבאַק־קרעמל
און געזוכט די פֿייגל ערגעץ אין הימל.

אויף מיין גומען די זיסקייט פֿון מאַמעליגע מיט ברינזע.*)
און פּוטער צעשמעלצט
ביי מיין מאַמען אין שטיבל, אין מיין שטעטל ב ע ל ץ.

נאָר ס׳וועקט מיך פֿון חלום דער פֿייפֿער פֿון וועגעלע מיט
פּיסטאַשקעס, אויף עוועניו עי,
ס׳ברענגט מיך צוריק אין טומללאַנד דאָס מענטשלעכע געשריי.

די הייזעריקע פּעדלער־קולות: „יידעלעך, מציאות! צערייסט מיך,
ווייבעלעך!"
און מיינע אויגן קלעטערן אויף די געזימסן פֿון די מויערן
צו די טייבעלעך.

אַזוי פֿיל מענטשן, אַזוי פֿיל רייד,
ס׳נאַגט מיך אַן אומעט, ס׳טיאַכקעט אַ פֿרייד!

ס׳איז מיר גוט און ס׳איז מיר וויי,
מיט אַ ליד אויף די ליפּן, מיט שרעקיקער פֿרייד,
כ׳דריי זיך אַ פּראָמענאַדע אויף עוועניו עי.

ב.

כ׳האָב פֿאַרלאָזן מיין שטעטל מיט אַ קאַראַקולענע קוטשמע און
אַ בענקשאַפֿט צום ווייטן לאַנד.
מיט אַ נאָגעניש אין האַרצן און אַ קאַרעזינקע אין האַנט.

די תּפֿילין זיינען געלעגן אין קאַרעזינקע, ווי יצחק אויף דער עקידה,
ווייל אָפּגעפּרעמדט זיינען לאַנג שוין מיר ביידע.

*) ברינזע — שאָפֿענע קעז.

דאָך פֿאַרמשפּט צו לאָזן מיט מיר זיך אין ווייטן לאַנד,
ווייל ווער קען פֿאַרשטויסן דאָס געבעט פֿון אַ מאַמעס האַנט?

די געזעגן־טעג זיינען געווען אָנגעלאָדן ווי לאָגלען מיט מאַמעשע טרערן,
די טיפֿע שטילקייט אין הויז האָט אין אַלע ווינקלען געלאָזט זיך הערן.

די פֿלעמלעך פֿון געפֿלאָכטענער הבדלה האָבן זיך געטוקט אין הבדלה־וויין,
פֿאַרשוואונדן איז די כלה־שבת מיטן ריח פֿון בשמים און שבת־שיין.

איך טונק די פֿינגער אין הבדלה־וויין
און שאַר די שפּע אין די קעשענעס אַריין.

(מיין שפּע איז אין לידערלאַנד,
אין ווייט, ווייטן חלום־לאַנד.)

די וואָכיקייט, די האַרטע, האָט אָן רחמנות די שטומקייט געשפּאָלטן.
דעם טרויער ווי אַ בלאָטער אויפֿגעריסן און גאָר ניט מער באַהאַלטן.

איז מער דער גלאָדענער צער, די פֿיינלעכע בענקשאַפֿט ניט פֿאַרהוילן,
דער צער שאַרט זיך מער ניט אויף גומענע זוילן.

דער מיזיניק, דער צאַרטער, דער מאַמעס,
פֿאַרלאָזט שוין אויף אייביק דעם כסא־הרבנות.

דער אַלמנהס אויסגעחלומטער מאָרגן
ליגט אויף דער שוועל דערוואָרגן.

ווער וועט ווייטער ציען דעם ניגון איבער אָפֿענע גמרות?
ווער וועט באַקרוינען זיין קאָפּ מיט גאָלדענע עטרות?

איז דער גאָלדענער שנור איבערגעשניטן,
און מער וועט דער בוים ניט אויפבליען אין צוויטן?

כ׳שטיי אויפן גאַניק מיטן קאָפּ פאַרריסן און וויין־אוים מיין יונג
הארץ צו דער לבנה,
מיינע אויגן קלעטערן אויף באַשטערנטן הימל —
אָן ענטפער זיי מאָנען.

ס׳יאָגט מיך דער אומעט, ס׳ציט מיך דאָס ליד אין די ווייטן.
מאַמע, אוי מאַמע, דיין בענקשאַפט די טיפע, מיט וואָס קען איך
פאַרבייטן?

ג.

איך דריי זיך אויף לודלאָוו סטריט און עוועניו עי
און חלום אַ חלום צעשפּאָלטן אויף צוויי.

כ׳לעב זיך מיין חלום אין מיין ליבן ניו־יאָרק,
נאָר כ׳נעם זיך אַ חלום אַ בעלצער אויף באָרג.

אַ פּסח, אַ סדר, די גאַנצע משפּחה און אייניקלעך אַ גאַנצע קאַפּעליע,
אַזאַ וואַרעמע פרייד, פונעם דיל ביז דער סטעליע.

ס׳קיצלט די נאָז דער שאַרפער כריין, די פעפערדיקע פיש
און מיט ציטער אין האַרצן איך וואַרט אליהו זאָל קומען צום טיש.

עס שיינט־אויף פון אַ פרילינגדיקער בעלצער בלאָטע, אַ פּורים,
ווי דער שמייכל אויף אַ קינדס ערשט־וויינענדיק פּנים.

די מאַמע ביים שלח מנות־טיש מיט אַלדאָס גוטס באַלאָדן,
טיילט־אוים טעלערלעך פרייד, באַצירט מיט מאַראַנצן און פלאָדן.

די שטוב איז פול מיט שוועסטער, פעטערס און אייניקלעך
און איך אינמיטן.
ס'יאָגט זיך די פרייד איבער בעלצער בלאָטעס אין אַ גאָלדענעם
שליטן.

איך דריי זיך אַ פאַרלאָרענער אויף עווענין עי.
איך זוך אַ יום־טוב אין פאַראיאָריקן שניי.

איך זע דעם זשאַנדאַר ביים גלאָק פון וואָקזאַל
און דעם פאַלנדיקן שניי אויף מאַמעס שאַל.

עס וויינט דער גלאָק, די מאַמע אין צער פאַרלאָרן.
מיין לעצטער בליק און טרער אויפן באַן־פענצטער פאַרפראָרן.

עס שניידט די באַן די ווייטן מיט געוויין און געוויי,
איך דריי זיך פאַרלאָרן אויף עווענין עי.

אויף עווענין עי, אין דער שטאָט ניו־יאָרק,
איך לעב זיך אַ לעבן מיט אַ חלום אויף באָרג.

יידיש

דאָס יידישע וואָרט רייסט זיך פון מיינע ליפּן,
טויכט־אויף פון דער טיפער טיפעניש אין מיר,
רייסט זיך אַריין אין שטראָם פרעמדע ווערטער
און שלאָגט זיך־אָן אין אַ טויבער טיר.

דאָס יידישע וואָרט קערט זיך־אום צוריק צו מיר
פאַרלוירן, עלנט און פאַרשעמט,
ווי ס׳קערט זיך־אום אַ יתום
פון דער ווייטער פרעמד.

דאָס יידישע וואָרט פלאַטערט אויף מיינע ליפּן,
קלאַמערט זיך מיטן גאַנצן לייב און לעבן.
איך זאַפּ עס מיט מיין אָטעם איין צוריק
און גיב עס טרייסט, האָפענונג און גלויבן.

מיט מיין מאַמעס מילך האָב איך איינגעזויגן
אין אַלע מיינע רמ״ח אברים יעדעס יידיש אות.
און איינגעטייטשט מיט מיר אויף יידיש האָט דער רבי
דעם חומש, נביאים, כתובים און דעם ש״ס.

יידיש וואָרט האָט געמאַניעט מיך פון יעדן יידיש־ספר
פון מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ און בערגעלסאָן,
יהואש און ראָזענפעלד, האַלפּערין און משה נאַדיר,
ס׳האָט וויברירט אין מיר פון יעדן וואָרט דער טאָן.

אויף די פליגל פון יידישן וואָרט האָב איך זוכה געווען
אַריינצקומען אין היכל פון דער יידישער ליטעראַטור
און זוכה געווען צו זען דאָס יידישע וואָרט
פון מיינע ליפּן אַרונטערפליען און זיך קלאַמערן אין קינדערשע אויערן.

ס׳האָבן שונאים פאַרניכט אַזוי פיל שעפער פון יידישן וואָרט.
מיליאָנען יידישע ליפּן זיינען אויף אייביק פאַרשטומט געוואָרן.
אָבער אייביק וועט בלייבן דאָס יידישע פאָלק
און דאָס יידישע וואָרט וועט פונסניי געבוירן.

פון דור צו דור . . .

. . . און אַזוי איז געגאַנגען יאָר נאָך יאָר
אַ דור איז אַוועק און אַ דור איז געקומען,
און וואָס ס׳איז פאַרבליבן פון פריערדיקן דור,
האָט דער נייער מיט ליבשאַפט פאַרנומען.

צו די שאַפעס מיט תנ״כ׳ן, גמרות,
ספרים אין העברעאיש און אַראַמיש,
זיינען צוגעקומען ביכער גאָר נייע,
געשריבן אין לשון פון די מאַמעס.

געווען איז פריער „כה אָמר רב אבא״,
שפּעטער: „אַזוי האָט געזאָגט רב מענדעלע״.
און די ביכער אין מאַמע-לשון יידיש
זיינען געוואָרן פון פאָלק דאָס שיינדעלע . . .

שלום-עליכם האָט האַרציק געלאַכט
מיטן פאָלק און פאַרלאַכט די טרערן אין די אויגן,
און פּרץ מיט זיין חכמה און טיפקייט,
איז אין די העכסטע הויכן געפלויגן . . .

דערנאָך זיינען געקומען די „יונגע״
מיט לויטערע און פרישע געזאַנגען,
שפּעטער „אינזיך״ און „פּראָלעטפּען״ —
און נייע לידער זיינען אויפגעגאַנגען . . .

אַזוי דור נאָך דור מיט לידער געלייטערט
זיינען די זינגער געקומען־פאַרגאַנגען —
געבליבן פון זיי פּאָר דורות און דורות
זיינען ליכטיקע, לויטערע געזאַנגען.

דאָס געזאַנג פון די פייגל הענגט אויף די צווייגן,
לאַנג נאָך זייער פלי אין וואַרעמע ווייטן.
דאָס געזאַנג פון אַ פאָלק, וואָס זינגט פון מעמקים,
איז אין שטענדיקן בלי, ווי אויף ביימער די צוויטן.

דאָס געזאַנג פון אַ פאָלק טרילט אין די הויכן.
עס קאָן ווערן פאַרשטיקט, אָבער קיינמאָל פאַרדאַרבן.
דאָס ליד פון מיין פאָלק איז לויטער און זוניק,
דאָס ליד פון מיין פאָלק וועט קיינמאָל ניט שטאַרבן.

מאין יבוא עזרי?

טיף ווי דער ים
איז די חכמה פון מיין פאָלק.
טיפער ווי דער ים
איז דער פיין פון מיין פאָלק.

איבער דער ברייט פון דער וועלט
צעשפּרייט איז מיין פאָלק.
און אין יעדן ווינקל
ווערט געפּייניקט מיין פאָלק.

אויף אַלע שלאַכט-פעלדער —
דאָס בלוט און געביין פון מיין פאָלק.
פאַר פרידן און פרייהייט —
לייגט דאָס לעבן מיין פאָלק.

קריסטן, פריער געפּייניקט פון די רוימער,
האָבן שפּעטער געשאָכטן מיין פאָלק.
פּילגרימען געלאָפן אין ניי-וועלט נאָך פרייהייט
און פון פרייהייט באַרויבט מיין פאָלק.

לענדער האָב געוואונען זייער פרייהייט
מיט דער הילף פון מיין פאָלק;
נאָר באַרויבט פון זייער פרייהייט,
האָבן די באַפרייטע מיין פאָלק.

אַזוי דער אַמאָל, אַזוי דער היינט.
דור אוים און דור איין, מיין פאָלק.
און ווען וועט שלאָגן אונדזער שעה?
האָף און גלויב, מיין פאָלק!

אַ קאַשעק מיט שטערן . . .

(פון דער סעריע „אין שפּיטאָל")

צווישן דאָ און ניטאָ,
אויף בעט אין שפּיטאָל.
וואָכן, חדשים
אין יסורים־טאָל.

טעג צווישן שטומע ווענט,
אין אַליינקייט געפּענט.

ניטאָ קיין שמייכל, קיין גוט־מאָרגן —
ניט צו קויפן, ניט צו באָרגן.

מענטש — אַקסל־נאָנט — ווייט און פרעמד.
יעדנס היים — זיין אייגן העמד. — — — — —

אין דאָנטעס אינפערנאָ, אין וואָגל פון פּיין,
וויגט זיך מיין בעטל, ווי אַ שיכור פון וויין.

איך לעב. איך בין דאָ. איך בין דאָ ערגעץ ווייט,
איך רעד צו אַ שאָטן, פאַרשוואונדן אין צייט.

די באַרימהאַרציקע שוועסטער
צעשפּיזלט מיין לייב מיט דרימלדיקן כישוף,
וואָס פאַרליוליעט די ווייטיקן,
אין מיין שפּיטאָליקן ישוב.

איך ליג אויף נאָדלען גליענדיקע,
דאָס בעט אין שנעל־לויף ווי אַ קאַרוסעל.
עס דרייט זיך די וואָר, עס שפּינט זיך אַ חלום
און איך צווישן דאָ און דאָרט, שווים אַרום אויף דער שוועל. — — —

... איך וואַנדער אויף דרימלדיקע וועגן ביינאַכט,
פאַרטייעטע אין חלומות — פון שטערן באַוואַכט.

אין בלויען געוועלב פון הימלשע הויכן
שפּילן זיך שטערן, ווינקען, פינקלען, פליען, לויכטן.

ס'ווילט זיך אַ הייב טאָן,
אַ שפּרינג טאָן,
פאַרמעסטן די הייכן
מיט פינגער דערגרייכן. — — — —

דער גוף איז אין בעט ווי אייזן געשמידט.
איך בין ניט שאַגאַלס אַ פליענדיקער ייד.
איך בין דאָ אין מאַטראַץ פאַרזונקען,
נאָר פייגל-פריי מיינע געדאַנקען. — — — —

אין איינער אַ נאַכט אַזעלכער,
כ'וויים נאָך ניט וועלכער,
וועל איך אַרונטערנעמען די שטערן,
ווי ציטיקע פרוכט פון די ביימער,
און אָנפילן אַ קאָשעק ביזן ווערך
און — אויף אַ קאַראָמעסל — צוויי פולע עמער.

איך וועל אַרויסרופן אַלעמען פון אַלע ליקן און גאַסן :
פּרעדין, יאַנקלען, דזשאַנען און דזשילן.
— העי, דאַרטן, חברה, פון די קעלערס און גאָרנס,
קומט אַרויס פון די נאָרעס און לאָמיר זיך שפּילן.

די שטערן, ווי פייערווערק צעוואָרפן אין די הייכן,
צעליכטיקן די טעג און די נעכט מיט אַ בלוי-ווייסן הימל,
וועט זיך באַווייזן די זון, וועל איך זי אַ פּאַק טאָן פאַר אייך, צום רימל,
און וועט אָנקומען די נאַכט מיט דער בלאַסער לבנה,
איך גיב זי אַ כאַפּ און נאַט אייך אַ מתנה.

איך עפן צו דער פרייד — דעם גילדענעם טויער.
און אוים מיט צער, מיט פיין און טרויער.

ס׳אַ ליכטיקע וועלט מיט שטערן, לבנה און זון.
דאָס לעבן איז זאָרגלאָז און פריידיק דערפון.

פעלקער פון אַלע וועלט-עקן און פאַרבן
טאַנצן אַ קאַדריל צום שפּיל פון די שטערן,
קייטן וועלן ווערן צעשמאָלצן, יאָכן — צעפאַלן —
דאָס לעבן וועט פריידיקער ווערן. — — — — — — — —

איך חלום אַ חלום
פון האָפענונג און גלויבן.
דאָס שלעכטס ווערט פאַרזונקען,
דאָס גוטס ווערט דערהויבן.

על משכבי בלילה...

ביינאַכט, ווען איך קאָן ניט איינשלאָפן,
און דריי זיך אויף מיין געלעגער,
ווי אויף אַ בעט פון גליאיקע טשוועקעס,
צייל איך די מינוטן
רונד־אַרום דעם ציפערבלאַט
פון שטענדיק־וואַכנדיקן זייגער.

איך לעכער די בלינדע נאַכט
מיט מיינע זוכנדיקע בליקן —
ווען וועט שוין די זון
אין פענצטער אַריינקוקן?

ווען וועט די זון
די פיינלעכע נאַכט פאַרלענדן
און די וועלט מיט איר ליכט פאַרבלענדן?

אין דעם בלויען פאַרטאָג
לויערט געפאַר,
נאָגנדיקער עלנט,
שרעק און צער...

אַז די זון קלעטערט אַרויף דעם באַרג
ווערן מיינע גרינע אויגן אויפגעלויכטן,
גייט אויף אין מיר אַ פרייד.
די וועלט איז אַ קאַרניוואַל —
שפרודלט מיט זוניקע געזאַנגען.

די פייגל זינגען שירה,
די וועוועריקעס פלאַפלען.
איך הער דעם רוף צום לעבן —
פון גרילן אין די גראָזן,
פון פלאַטערדיקע האָזן,
פון אַרומיקן דערנעבן...

עס זינגען די טײַכן,
עס מורמלען די קוואַלן,
איך פֿיל דאָס לעבן זיך צאַפּלען.

עס זינגט דאָס בלוט
אין מײַנע אָדערן.
איך הער דאָס וואַקסן
אין די פֿרוכט, די יאָדערן.

די בינען זויגן לעבן פֿון די בלומען,
די ביימער און פֿלאַנצן —
פֿון דער טיף אין דער ערד,
פֿון דער זון אין הימל.

לעבן לעבט, געדייעט
לאַנגע, לאַנגע צײַטן
אין די ווײַטע ווײַטן,
איך וואַרט אויף דער צײַט
ווען דער ליכטיקער טאָג
וועט די בלינדע נאַכט פֿאַרבײַטן.

לויטער, לויטער...

לויטער,
לויטער,
ווי דער הימל,
וואָס לייטערט זיך אויס
פון אַ נעפּלדיקן פרימאָרגן.
לויטער,
לויטער,
ווי דאָס פּנים
פון אַ תלמיד־חכם
אין באַשיידנקייט פאַרבאָרגן.
לויטער,
לויטער,
ווי דאָס פּנים
פון אַ קינד מיט טרערן אין די אויגן,
ווען ס'לייכט־אויף אַ שמייכל
ווי אַ טוי־טראָפּן,
מיט דער פאַרב פון רעגנבויגן.
לויטער,
לויטער,
ווי דער מאַמעס ברוסט,
וואָס דאָס עופהלע האַלט אין זויגן.
לויטער,
לויטער,
ווי די חידושדיקע אויגן פון אַ קינד,
ווען דער חלום איז פאַרפלויגן.
לויטער,
לויטער,
ווי די שלום־טויב,
וואָס אין הימל שווימט אַרום.
לויטער,
לויטער,
ווי דער אמת
פון די מורמלדקיע ליפּן,
וואָס בעטן: שלום, קום, קום!

מיר פראַוועז היינט אַ יום־טוב

מיר פראַוועז היינט אַ יום־טוב,
מיין עלנט און איך.
מיר יאָגן זיך נאָך די יאָרן,
וואָס גאַלאָפּירן אַזוי גיך.

איך טרינק „לחיים" צום לעבן.
איך טרינק „לחיים" צום מענטש.
איך טרינק „לחיים" צו פעלקער.
יעדן טאָג פון לעבן איך בענטש.

דער עלנט שווייגט אויף אַ קול
מיט אויגן פון קינדער אין דער פרעמד.
אוי, ווער האָט געמאַכט דיך פאַר מיינעם אַ שותּף?
ווער האָט דיך דערנענט ווי צו מיין לייב דאָס העמד?

אַזוי פיל לידער נאָך צו זינגען,
אַזוי פיל מעשׂיות צו דערציילן,
אַזוי פיל חלומות נאָך צו חלומען,
אַזוי פיל קאַמפן נאָך צו קעמפן —
אוי, וויפל יאָרן נאָך עס פעלן!

דאָס האַרץ איז יונג און קלאָר דער מוח,
און וועגן פרייע מאַניען פון אַלע זייטן.
אַזוי פיל נויט, צער און קנעכטשאַפט —
ווי קאָן איך מיין קול אויף שווייגן פאַרבייטן?

ווי דאָן קיכאָט, דער טרוימער,
חלום איך פון נייע, פרייע צייטן —
איך גלויב אין זייער אָנקום,
איך הער שוין זייערע טריט פון ווייטן.

איך האָב געבונדן אַ בונד מיטן לעבן,
אויף אייביק, אויף אַלע צייטן —
די שווערד פון קאַמף אין מיין האַנט,
און מיין פרייהייט־רוף אין אַלע ווייטן.

אין קלעם פון פויסט

אויף די וועגן פון סעלמאַ, אַלאַבאַמאַ

נעגער בירגער פון סעלמאַ, אַלאַבאַמאַ, זיינען אַרויס אין די גאַסן און געפאָדערט שטים־רעכט. פּאָליציי האָט געמאַכט אויף זיי אַ בלוטיקן פּאָגראָם. — פון די צייטונגען.

מיטן אויפגאַנג פון טאָג
האָט זיך אויפן האָריזאָנט,
געבויגן איבער סעלמאַ, אַלאַבאַמאַ,
באַוויזן אַ מחנה מיט פאָנען און פּלאַקאַטן,
מיט רוף־שאַל צו וועלט:
מיר צעררייסן די קייטן!

שוואַרצע הויט איז צאַרט ווי ווייסע,
און בלוט איז רויט
אין יעדן לייב,
און הערצער קלאַפּן אין יעדער ברוסט,
און ליבע בליט אין יעדן האַרץ,
און נעגער־מאַן, ווי ווייסער, האָט ליב זיין ווייב.

און שוואַרצע הענט צערטלען קינדער
און וואַכן צוקאָפּנס זייערע בעטן,
ווען צלמים ברענען שטיקער נאַכט.

— מיר ווילן דאָס רעכט פון מענטשן באַפרייטע.
לעשט־אויס די צלמים־בראַנדן, שטעלט־אָפּ דאָס לינטשן,
פאַרברענט די תליות — ס׳האָט נעגער דערוואַכט!

ס׳האָבן די הערשער פון סעלמאַ
געגעבן אַ באַפעל: „גיוו הים העל!״
און ס׳האָבן די שטאַטישע וועכטער־שעכטער
מיט דובינקעס און גאַז־באָמבעס
און שטעקנס מיט עלעקטרישע שטראָמען,
שטעקנס גענוצט פאַר פּי אויף די ראַנטשן,
זיך געוואָרפן אויף טאַטעס און מאַמעס
און קינדער און זקנים, ניט אויסגעמיטן קיינעם.
עס זיינען געפאַלן די קלעפּ
ווי הייסער שרויט
אויף ברוין־ערדישער הויט.

רויט ווי דאָס בלוט פון דעם ווייסן
איז דאָס בלוט פון שוואַרצע שקלאַפן,
וואָס רינט איצט אויף די וועגן פון סעלמאַ, אַלאַבאַמאַ.

די ערד פון אַלאַבאַמאַ,
געזאַפּטיקט פון נעגער־שוויים,
זשליאָקעט און זויפט דאָס וואַרעמע בלוט
פון נעגער, שמעלצט זיך פון נחת:
אַ גערעטעניש וועט זיין... ווי גוט, אוי, ווי גוט!

באַלד קומט אויף זוניקע שטראַלן צורייטן דער פרילינג
און קושט מיט וואַרעמע ליפּן די וועגן און שטעגן
פון סעלמאַ, אַלאַבאַמאַ,
וואָס באַלעקן זיך מיט תאווה און גלוסטונג,
פאַרשיכורט פון בלוטיקן שפּיל,
אונטער די בלויע הימלען, מילד ווי אַ מאַמע.
מיט צאָרן און פּיין זיינען געלאָדן די ווייסע שעפּעלעך־וואָלקנס,
וואָס באַזוימען די הימלען פאַרטראַכטע —
דער צאָרן וועט פּלאַצן
און פּלאַמיקע צונגען וועלן פאַרלענדן די הערשער, באַוואַכטע.

עס קומט באַלד דער פרילינג,
עס קומט באַלד דער זומער,
און אויף די פעלדער פון דרום
וועט אויפבליען אַ וואונדער.
אַ נס פון שפע,
ווי קיינמאָל פריער.
עס וועלן פעלדער אויפבליען אין רויטן,
ווי צעצונדענע זונען אין בלויע פאַרנאַכטן.
עס וועלן קינד און קייט
קוקן און גאַפן מיט וואונדער,
אויף רייען מיט באַוול-פלאַנצן, רויט ווי צונטער,
ווי די קאַמען פון הענער,
נאָך רויטער און שענער.

די וועגן פון סעלמאַ, אַלאַבאַמאַ,
זיינען פאַרזייט מיט בלוטיקע באַנדאַזשן,
מיט שטיוול און קאַמאַשן,
מיט צעריסענע העמדער און בלוטיקע צייכנס,
מיט צעריסענע קייטן
און לידער פון פרייהייט,
וואָס ליגן פאַרוואונדעט, געשאָכטן
און וועלן דערוואַכן
מיטן ליכטיקן מאָרגן.

ליד פון שוואַרצן שיכפּוצער

שוואַרץ איז מיין הויט,
נאָך שוואַרצער מיין נויט.
נישטאָ קיין פרייד.
מיין היים — אַ הינטישע נאָרע,
אויף יעדן בוים איינגעשניטן אין קאָרע —
אַ שטריק איז גרייט.

— פּוץ גיכער, נעגער, גיך.
זאָלן גלאַנצן די שיך.
— יעס, סער.*)
— אַ וואָרט נישט מער.
— יעס, סער!

ביי רייכע טירן שטייט מיין טאַטע געבויגן,
גאַנצע טעג די מאַמע אויף דילן אויסגעצויגן —
פאַרן ביסן ברויט.
ווייסער באַלעבאָס גייט פאַרביי מיט שפּאָט,
אונדז, וואָס „לעבן מיט זיין גנאָד" —
וואַשן זיין קויט.

— העי, נעגער, אַביסל שנעלער,
זאָל גלאַנצן העלער.
— יעס, סער!
— אַ וואָרט נישט מער.
— יעס, סער!

*) יעס סער, — יאָ, מיין האַר.

אין דרום אויף הייסע באַוול־פּעלדער,
אין אַפריקע אין זומפּיקע וועלדער —
אַרבעט נעגער.
ווייסע באַראָנען זאַמלען פעסער מיט גליק
און צירן די גאַסן מיט נעגערס אויף שטריק —
הענג, הענג, נעגער.

— פּוץ גיך, נעגער, גיך.
זאָלן גלאַנצן די שיך.
— יעס, סער!
— אַ וואָרט נישט מער.
— יעס, סער!

אונטער אונדזערע הימלען
פייערדיקע צלמים און ווייסע קיטלען *) —
ציטער, ציטער, נעגער.
אַ בראַנד, אַ קויל און אַ שטריק
און אַ הימל פול מיט גליק —
אַרבעט, אַרבעט, נעגער.

— הער, נעגער, אַביסל שנעלער,
זאָל גלאַנצן העלער.
— יעס, סער!
— אַ וואָרט נישט מער.
— יעס, סער!

*) די קליידונג פון דער פאַשיסטיש־ראַסיסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמערי־קע, קו־קלוקס־קלען, וועלכע פאַרפאָלגט די נעגערס.

הייסטינגס [1]

הייזלעך־זקנים
פון ווינטן און רעגנס צעשעדיקט.
ס׳האָט שטאָט זיי דאָ אַרויסגעשפּיגן —
פאַר טאָג און זון צעחוזקט.

ברעטער דינען דאָ פאַר בעטן,
און קעסטלעך פאַר מעבל. —
די פענצטער פאַרשטעלן דאָ דעם טאָג
מיט די „שטערן״ גאַרבאָ, געיבל. [2]

דער טאָג איז דאָ קרענקלעך
און שווינדזיכטיק געל —
ציט זיך צו דער זון
און גייט אוים אויף דער שוועל.

דער טאַטע שלאָפט אומרואיק —
עס יאָגן אים די „דיקס״ [3]
עס יאָגט נאָך אַ תליה,
עס רויכערט זיך די ביקס.

עס ברענט די נאַכט אוים ווערטער —
דזשאָרדזשיע רופט קריק —
„ס׳וועט דער ׳ניגער׳ אין ערגעץ
ניט אויסמיידן די שטריק״.

אויף גאַס־ראָג זינגט סוזאַנאַ :
„קאַם ענד קים מי האָני״ ;
בליצן ווייסע ציינער :
„עין גאַד נאָ מאָני״.

1) נעגער־געגנט אין דעטראָיט.
2) באַרימטע פילם־אַקטיאָרן.
3) דעטעקטיוון.

פון אַ וואַנט שפּאַרונע —
ווינט אַרוים אַ שטים:
„וואָס־זשע בין איך שולדיק?
דו קענסט ניט פאַרדינען.
קינדער וויינען: — עסן,
מוז איך ברויט געפינען".

אָ, „לאָרד", זאָלסט מיך ניט שטראָפן,
כ'בין אַ חיה אין געיעג;
אָ, „לאָרד" אַלמעכטיקער,
ווייז מיר אַן אַנדער וועג".

פון אַ הויז — אַ קאַלטע חורבע,
אויף גאַס־ראָג קעגנאיבער —
שיינט אַרוים אַ ליכט־שטראַל
און באַהעלט די שטיבער.

אַ מיידל ביי אַ שרייב־מאַשין,
מיט אָנגעשטרענגטע אויגן.
לעבן איר אַ נעגער־יונג
איבער מימיאָגראַף געבויגן.

ווייסע פינגער, ברוינע פינגער —
איין רויט האַרץ;
שיקן אין דער נאַכט אַ רוף
צו וויים און שוואַרץ.

קלאַפּן מאַשינען מיט הערצער צום טאַקט
און בלעטלעך, מיט רופן פלאַמיקע, ווערן באַנייט.
מאָרגן וועט הייסטינגס דערוואַכן מיטן רוף:
„די סקאָטסבאָראָ יינגלעך באַפרייט!"

אויף די רייז־פעלדער פון וויעטנאַם

די זון פאַרגייט אין וויעטנאַם.
אַ שונא איז געקומען פון ווייט
און געשאָכטן ליגט דער טאָג
און ס׳בלוטיקט פון וואונדן די צייט.

אין לוזשעס פון בלוט, אויף פעלדער פון רייז —
ווייקן זיך גופים פון יינגלעך, פאַרשטאַרט.
אינדערמיט — אַ קינד מיט אַ געשוואָלענעם בויך,
מיט אַ בלוטיקן פלעק אויפן שטערן פאַרדאַרט.

די לעצטע שטראַלן פון דער זון ביים ראַנד
ליגן געקוילעט אויף גלאַנציקע באַיאָנעטן.
פייער־צונגען לעקן שטרויענע דעכער
און פאַרלענדן נאַקעטע טישן און בעטן.

אַן אויסגעשטרעקטע האַנט מיט הונגעריקע פינגער
ציט זיך צו אַ שיסעלע רייז, ווי צום לעבן.
אַ ביקס שפייט־אויס אַ דורשטיקע קויל —
עס שטאַרבט דער לעצטער צאַפּל פון רייז־שיסעלע און די האַנט דערנעבן.

דער שונא רעדט וועגן דעמאָקראַטיע
און איבער פאָלק וויעטנאַמער רעגנט ער מיט גליאיקן בליי.
ער סמט די לופט מיט גיפטיקע גאַזן
און פרעפּלט מיט אויגן פאַרגלאָצטע וועגן גאָט און פריי.

אויף די רייז־פעלדער פון וויעטנאַם
האָגלט מיט פייער־קוילן פון שונא פון ווייט,
געשאָכטן ליגט דער זוניקער טאָג
און ס׳בלוטיקט פון וואונדן די צייט.

ש ל ו ם

די שטעט, די פאַרוויסטע,
די היימען, די פוסטע,
ווײַנען: ש ל ו ם !

די וויגנדיקע, ליידיקע אַרבל,
די פעלדער פאַרזייט מיט שאַרבנס,
ווײַנען: ש ל ו ם !

דער מאַמעס ליידיקע הענט,
די פיר פוסטע ווענט,
ווײַנען: ש ל ו ם !

די קינדער אָן די וויגן,
די פייגל אויף די צווייגן,
ווײַנען: ש ל ו ם !

הערשער ווילן געוועלטיקן, ווילן מאַכט.
די פעלקער, מיד שוין פון שלאַכט,
ווילן ש ל ו ם !

ליידיקע קוימענס

שטייען קוימענס פאַריסענע,
מיט ליידיקע גאַרגלען
און בענקען נאָך רויך,
ווי נאָך ווינט — די זעגלען.

פענצטער פאַרבילמעט מיט שטויב
קוקן אַרויס פון די מויערן.
אויף סירענעס פון פאַבריקן
וואַרטן פרימאָרגנס
מיט אָנגעשטרענגטע אויערן.

גריזשען מאַשינען די פוסטקייט,
מיט שטאָלענע ציינער,
און אויוונס פאַרלאַשענע כלינען
מיט קאַלטקייט פון שטיינער.

דרייט זיך די פוסטקייט
אויף פאַרגליווערטן קאָנווייער,
ווי ס׳דרייט זיך די מויז
אין אַ ליידיקן שייער.

1933

אַ האַנט אויפֿן טיש

אַ נאַקעטער טיש. אַ פֿאַרלאָזענע האַנט.
אַ בערגעלע חלף. אַ פֿאַרלאָשענער קנויט.
ווי ליפּלעך ביי טרוקענער, מאַמעשער ברוסט,
שמאַכטן די פֿינגער ביי שקאָרענקעס ברויט.

אַן אומעטיק ווינקל. אַן אייזערן בעט.
דריי קינדער, אַ ווייב און אַ קעלט.
אויף אומרו פֿון זייגער הוידעט די נויט,
טיק־טאַק און טיק־טאַק — זי גריזשעט און קוועלט.

אויף נאַקעטן טיש — אַ פֿאַרלאָזענע האַנט,
מיט פֿינגער־גבורה פֿון שטאָלענער צוואַנג.
חלומען פֿינגער פֿון אייזן און שטאָל,
ווי ס'חלומט דער סערפּ פֿונעם צייטיקן זאַנג.

חלומט די האַנט פֿון מאַשינען־געזאַנג —
פֿינגער ווי ניטן געבויגן אין קראַמף.
פֿון צער און פֿון פּיין שטאָלט זיך אַ פֿויסט,
הייבט זיך, פֿאַרמעסט זיך אין שטורעמשן קאַמף.

1933

אין קלאַס פון דערוואַקסענע

אין יידישן אַרבעטער־אוניווערזיטעט

די מידקייט און זאָרג פון טאָגיקער פּראַצע
האָט מען אויסגעטאָן אויף יענער זייט שוועל —
און דאָ, אַרום אָרעמען, פּשוטן טיש
איז פריידיק און וואַרעם און העל.

די אויגן צעצינדן ווי ליכטיקע בשורות
צו לערערשע ליפּן, זיי גיבן אַ פאַל —
און אויערן דורשטיק פאַרשלינגען די רייד,
ווי טרוקענער גומען דאָס וואַסער פון קוואַל.

די ווערטער, ווי שליסל
צעעפענען טויערן צו ליכטיקע וועגן.
און ס׳גלייכן זיך רוקנס,
וואָס וועלן אין יאָך זיך מער שוין ניט בייגן.

און מ׳גייט מיט די לערער פּאַמעלעך, נאָר זיכער,
אויף דעם וועג מיטן זוניקן רוים —
ווי שוואָמען פאַרזאַפּט מען די רייד פון דער וואָר
און וויסן פאַרוואָרצלט ווי אַ פרוכטבאַרער בוים.

פאָרד רוזש פלענט

ס'האָט פאָרד צעשפּרייט זיינע קאָנווייערס,
ווי די אָרעמס דער אָקטאָפּוס.
און אַרבעטער שטייען דאָ פאַרשטומט
מיט טויט־געפּאַר, ווי סאָלדאַטן אין אַקאָפּעס.

ס'ליגט דער „רוזש־פלענט" אויסגעשפּרייט
מיט שטאָלץ און גבירישן פאַרנעם.
און דער גייער,
דער קאָנווייער
האַלט לעבנס טויזנטער אין קלעם
און נאָך מער אינדרויסן —
הינטערן צוים . . .

ברייטע טויערן צעעפענען זיך דריי מאָל אַ טאָג.
פאַרשלינגען נומערן מיט צוגעשפּילעטע ראָבאָטן.
די שוועל פאַרזיגלט מויל און אויג
און וואָרנט: ס'איז אַלץ דאָ שטרענג פאַרבאָטן.

אויף אויבערשטע פּלאַטפאָרמעס —
שטעט פון קליידער אויסגעהאַנגען —
דאַכט זיך ס'האָבן די ראָבאָטן
אויסגעטאָן דאָ זייערע הויטן.
זאָל ווער נאָר געבן אַ באַפעל
וועלן אַרבל זיך אַ לאָז טאָן מיט שרויפן און מיט צוואַנגען.

אַ קלונג, און אַלע זיינען גרייט.
אַ האַנט אַראָפּ. אַ האַנט אַרויף.
דער איבערבייטער, ביי דער זייט,
האַלט שוין גרייט אַ נייעם שרויף.
קאָנווייער איז אין וועג
און הענט נאָך אים — אין גייעג.

הענט
הענט
הענט —
טויזנטער האַרעפּאַשנע
הענט
אין באַוועג,
אין געיעג
נאָך גייער,
דעם קאַנווייער.

קאַנווייער יאָגט און טראָגט
מאָטאָרן, רעדער און שרויפן
און שלעפּט־מיט
הענט, אויגן, קערפּערס
און האָפענונגען פולע הויפן.

(אין שטעט פון קליידער, אויבן,
גייען אַרום די שפּיאָנען־שפּינען
און זוכן אין די קעשענעס
אַ פּאַמפלעט, צי אַ בלעטל צו געפינען.)

הענט אין זעלביקן באַוועג,
הענט אין נאָכאַנאַנדיקן געיעג —
שעהען, טעג און וואָך
אין קאַנווייער יאָך.

יאָג, קאַנווייער
שנעלער, גייער.
הענט —
הענט —
הענט —
אין באַוועג.
הענט —
הענט —
הענט —
אין משוגענעם געיעג.

ס'טראָגט דער קאַנווייער
ס'האַרץ פון מאַשין —
נאָך וואַרעם, דאַכט זיך, דער מאָטאָר.
נאָך אים יאָגן טיילן
אין שפּינוועב־געשפּין —
נו, שנעלער, מאַכט פּאַרטיק דעם אַטאָ.

האַרי־אָפּ־אָפּ־אָפּ.
ספּיד־אָפּ־אָפּ־אָפּ.
יאָג־יאָג־יאָג.
טראָג־טראָג־טראָג.

אָט־אָ, אָט־אָ,
פּאַרטיק אַטאָ.
קאַנווייער יאָג.
און דיל טראָג.

אַ האַנט גיט אַ דריי.
אַ האַנט גיט אַ שרויף.
אַ האַנט גייט אַראָפּ.
אַ האַנט גייט אַרויף.

איינער אויבן
רעדל דרייט.
צווייטער פּאַרקעט
איינגעווייד.

אַ האַנט גיט אַ פּאָר
און אַ לויף באַלד צוריק —
צוויי אַקסלען אַ בויג
אין קלעם פון אַ בליק.

אַקסן, „פענדער"
גלייך פון אויבן.
איינער יאָגט זיך
נאָך די שויבן.

איינער דרייט שווין צו
די לאָמפּן.
אָט־אָ יאָגט מען „געז״
פון פּאָמפּן.

פון דער סטעליע פליט אַן אייזן.
פליט אַ סווישטשע דורך ציינער:
העי, דהער, באַדי, —
היט די ביינער!

„סטראָ־באָס״ כעסט,
שפּייט מיט האַס:
— העי, ראַבאַט,
היט געבאָט!

אומגעפאַלן —
צוגענומען.

מוזן שווייגן.
מוזן שטומען.

אינדערמיט
אַרומגעוויקלט פון קאָנווייער,

ווי דער קרבן פון אַ שלאַנג,
האָדעווען הענט —
מעשענע שפּייזן
אין מיילער פון אייזן.
מאַשינען שפּייען זיי אַרויס
צעדרייט, צעבויגן
מיט שמאָלינקע אויגן.

פנימער אָנגעשטאָלט.
קערפּערס אָנגעצילט.
פּנים צו פּנים מיט מאַשין —
מיט בליק אַריינגעהאַקט
ווי אַ קלין.

פנימער בלייכע.
פנימער געלע.
אינדרויסן — אַ זון.
אַ הימל — אַ העלער.

אינדרויסן איז פעלד,
גראָז און אַ בוים,
דאָ צאַפּלען זיך לעבנס
אין קאָנווייערישן צוים.

דאָ זאַמלט זיך האַס און גליאיקער צאָרן,
דאָ בײַלן זיך פויסטן, ווי שטאָלענע פּרענט.
אַנטקעגן — דער רוף פון מערץ־מאָנומענט *)
וואָרנט און דראָעט די בלוטיקע הענט.

*) מערץ 7, 1932, האָבן טויזנטער אַרבעטער מאַרשירט צום „פּאָרד רוזש־פּלענט״ אין דירבאָרן. זיי האָבן געפאָדערט אַרבעט אָדער רעליף. פּאָרד׳ס פּאָליציי האָט דערשאָסן פינף אַרבעטער. זייער קבר געפינט זיך אַנטקעגן דעם פּאָרד רוזש פּלענט.

פראַגמענטן פון בוך מלחמה־טעג, 1937

שטיבלעך טאַנצן אַ קאַדריל

אַז פרענקס לייב האָט זיך פאַרחברט
מיט דעם האָר־בייסיקן אוניפאָרם,
און זיינע פיס האָבן זיך באַפאַנצערט
מיט שווערע שיך, באַנאָגלטע
און איינגעקרעמפּט געוואָרן אין די וויקלדיקע „פודים",
ווי דער פאַנג אין שווינדל־רייפן פון דער קאָברע,
איז פרענק שוין ניט געווען פרענק,
נאָר אַ סאָלדאַט אין אוניפאָרם.
אַ האַרטער און אַ בייזער —
אַ פרעמדער זיך אַליין.

אַז מען האָט אָנגעפּאַקט דעם פראַכט־צוג
מיט יונג־פלייש, געפּאַקט אין כאַקי
און באַן האָט לויפנדיק געסאָפּעט און געדעוועט:
— ראַ—טע—ווע—עט!
און דאָס געשריי האָט זיך צעקייקלט
ווי אַ דונער פון שראַפּנעלן
איבער פעלדער פרייע פון קענטאָקי —
און אַלטינקע פון אונטער סנאָפּעס תבואה
האָבן געפּאַכעט מיט די הענט
און טרויעריק געשאָקלט מיט די קעפּ —
און פאַרמער־שטיבלעך האָבן זיך פאַרבייגעדרייט
אין טרויעריקן קאַדריל
מיט מאַמעדיקער שפּיל
פון פאַרטעך און אויגן,

אויף אומעטיקע שוועלן —
האָט דאָס האַרץ געוויינט
מיט בלוטיק־רויטע שראַפּנעלן.

. . . ס׳האָט פרענק דערזען אַ טענעמענט־הויז,
אין ראַדיקן טאַנץ פון זיינע יונגע יאָר.
געהערט ס׳פּלאַפּלען פון קינד, די רייד פון ווייב,
ווי ס׳וואָלט געווען אויף דער וואָר.

דער צוג איז געלאָפן —
געמישט האָט דער בליק.
אַ זומער, אַ ווינטער —
אַהין און צוריק.

אַ זומער אין הענרי סטריט —
מיט ריחות פון צעפוילטע גרינסן.
מיט ליבעס אין פאַרדומפּטע קאָרידאָרן.
משפּחות ליגן גאַנצע נעכט
אויף דעכער, „פייער־עסקייפּס״
און צעהיצטע טראָטוארן.

די הויך־באַן לויפט פאַרביי מיט אַ געבראַזג
און צעציטערט ווענט און דיל;
אַ ווינטל פליט פאַרביי די פענצטער
און ס׳ווערט אַ ווײַלע קיל.

זים איז דאָס גלעקל־געקלאַנג פון „אייזקרים־מאַן״, —
פרענקס אייגעלעך קלעטערן זעקס שטאָקיקע ווענט.
פון אויבן, ביים הימל באַווייזט זיך אַ שמייכל,
און פון מאַמעשע הענט פליט אַרונטער אַ סענט.

. . . ס׳מישן די בליקן אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט —
ס׳איז פרענק ערשט אַ צוציק און באַלד שוין אַ יאַט.

אָט ערשט האָט פרענק געשפּילט אין אינדיאַנער, —
מיט חברה אייז־שטיבלעך געבויט ווי עסקימאָסן,
און שוין איז ווייט פון אים די חברה
און שוין זיינען ווייט פון אים די גאַסן.

ס׳האָט דער טאַטע פון שווינדזוכט
אויסגעהוסט דאָס לעבן.
און די איינציקע שפּייזערין
איז די מאַמע געבליבן.

אַ יאָר נאָך אַ יאָר
קריכן ווי פערד.
אַ יאָר נאָך אַ יאָר
און ער האַמערט אויף בלעך.

פרילינג־טעג ליבע,
זוניקע, העלע —
נאָר פרענק שטייט און אַרבעט
ביים בלעכער אין קעלער.

טאַ־טאַ־טאַ —
ראַ־טאַ־טאַ.
פון ריטעם פון האַמער
צו ריטעם פון ראָד.

אַזוי ציען זיך יאָרן
אויף סענטן צעביטן —
די פינגער צעקאַרבטע,
פון בלעכן צעשניטן.

פאַר די אויגן אַ בלענד
און אַלץ אַ צעמיש.
פאַרשוואונדן איז אַלץ,
ווי מיט אַ האַנט אַ פאַרוויש.

. . . האָט פרענק געשמייכלט טרויעריק
צו די אומעטיקע מאַמעס אויף די שוועלן,
און דאָס האַרץ האָט געוויינט
מיט בלוטיק־רויטע שראַפּנעלן.

אַ שטאָט אָן מענער

ס'איז לאָנדאָן באַרימט מיט אירע נעפּלדיקע מאָרגנס,
וואָס פּאָעטן פאַרגלייכן צו טונקעלע וואָלקן
אויף בלאַסע פּנימער פון יונגע אַלמנות.
נאָר פרענק זעט די לאָנדאָנער נעכט
מיט מאַמעס צעשראָקענע אויף שוועלן.
זיי קוקן איבער גרויסער פאַרלאָשענער שטאָט
צום שונאס בליציקע ראַקעטן אויפן הימל.
פרענק הערט דעם פאַרצווייפלן געשריי:
— טייק קאָ—ווער!
טייק קאָ—וו—ע—ר!
און ציטערט אויף פון שרעקיקן געטומל.

פרענק זעט די מאַמעס מיט עופהלעך אין הענט,
ווי אין אייזערנע רינגען פאַרקלעמט,
לויפנדיק צו אונטערערדישע טונעלן
און שעלטנדיק דעם הימל אויף די שוועלן.

די שטאָט איז אויסגעלאָשן ווי דאָס לעבן.
עס באַהאַלט זיך דאָס ליכט
פאַרן שונא פון אויבן —
נאָר די יונגפרוי אויפן ראָג
קאָן זיך ניט נערן מיט שרעק
און שלעפּט פרענקן צום הילצערנעם שטול
ער זאָל צאָלן פאַרן ליימיקן קיכל —
וועט זי פאַר היינט ביינאַכט
ווערן זיין ווייב
מיט איר טרוקענעם לייב . . .

אין ליכטיקייט פון טאָג זעט ער לאָנדאָן
אַ שטאָט אָן מענער —
און יונג-מיידלעך פון קאָרידאָרן
און טראָטואַרן

מיט זינגנדיקע, בענקענדיקע שטימען
זינגען־אויס דעם לאַנדאַנער מלחמה־הימן:
— העי, אַמעריקאַן, קאַן יו דאַנס?!

עס בענקט דאָס יונג־מיידלשע האַרץ.
עס ציט זיך איר האַנט צום אָרעם, דעם מאַנס —
אין דער שטאָט אָן מענער.

דאָ און דאָרט אַ פרוי מיט אַ מאַן.
די אויגן, די פרויאישע
מיט טריאומף און מיט רוף:
— איר זעט? אַ מאַן!

דער מאַן איז געקליידט אין אוניפאָרם בלוי.*)
אין די אויגן — דער האַס;
אין קערפער — דער גאַז,
נאָר סיי־ווי איז גליקלעך די פרוי.
אַ מאַן
איז
פאַראַן.

ביים סאַלון אויפן ראָג
שטייט אַ יונגפרוי אין „אָוועראָלס"
מיט פנים פאַרסאַזשעט
און מיט שיכורדיק קול
שרייט זי מיט גיפט און מיט גאַל
אין דער שטאָט אָן מאַן:
— סאַנאָוואַביטשעס אַזעלכע!
אין שטאָט ניט קיין מאַן,
אין שטוב ניט קיין ברויט,
די קאַווע פאַרזיסט מען מיט פילן שטאָט צוקער
און הונען שיסן פון הימל מיט טויט —
סאַנאָוואַביטשעס אַזוינע!

*) בלויע אוניפאַרמס האָבן געטראָגן פאַרוואונדעטע, אומהיילבאַרע סאָל־
דאַטן.

זוניקע געזאַנגען

אינדיאַנער זומער־טאָג

אויף די סלופּעס, אַרויפבאַרג,ביים וועג,
ציען זיך דראָטן, ווי סטרונעס
אויפן שלאַנקן האַלדז פון פידל.
פון ווייטן צו רייטן
קומט אַ הפקר־ווינטל
און שפּילט אויף די דראָטן
אַ וואויל־יונגעריש לידל.

ווי נאָטן אויף שורות,
די פייגל אויף די דראָטן טרילן,
און אין טיפן גראָז, ביים וועג,
זינגט אַ כאָר פון גרילצנדיקע גרילן.

אין טאָל יאָגט אַ באַן, אַ פאַרבענקטע,
לאָזט איבער נאָך זיך אַן עכאָ, אַ ווייטן,
און ביימער, פאַרגאַפטע, ווי פאַרגליווערט אין גאַנג.
עס הודזשען מאָטאָרן פון טראַקטאָרן,
עס קלינגען די שטאָלענע מעסערס.
אַ סימפאָניע פון שטאָל און פון אייזן
באַגלייט דאָס פייגל־און גרילן־געזאַנג.

דער הימל — אַ פרייד פון קאָלירן,
שפּילט־אוים אַ געזאַנג פון ליכט און פאַרבן.
גאָלדענע ווייצן ציטערן פון שטאָליקן באַריר —
זיי ווילן ניט שטאַרבן.
פאַרבלאָנדזשעטע בלימלעך, עלנט אין פעלד,
ווערן פאַרכאַפּט אין די גאַרבן.

עס קומען צופליען פאַריתומטע בלעטער —
אַ שטורעם פון געלע און גאָלדענע פאַרבן.
איבער האַרבסטיקע קעפּ פון ביימער פאַרלאָזטע,
טראָגט זיך דער אָטעם פון ווינטער, דעם האַרבן.

איך זינג אַ לויב

איך זינג אַ לויב יעדן טאָג
צו דער ליכטיקער זון,
וואָס צעשפּרייט אירע שטראַלן
און צערטלעכע גלעטן
אויף ווייטן, אויף מיילן.

איך זינג אַ לויב יעדן טאָג
צו די ביימער צעפּעכערטע
מיט זון־גאָלדענע קרוינען,
צו אַלע פעלקער, אַלע וועלטן,
פול מיט וואונדער—צום שטוינען.

איך זינג אַ לויב יעדן טאָג
צום געזאַנג פון די פייגל,
צו דער שיינקייט פון פּעזאַנען,
און הירשן שלאַנקע
און בלומען פון אַלע סעזאָנען.

איך זינג אַ לויב יעדן טאָג
צו דעם מענטש אויף דער וועלט.
פון דער נידער, פון דער טיף
צו די העכסטע הויכן
קאָן דערגרייכן דער מענטש,
דער העלד.

פרילינג־רעגן

פרילינג־רעגן
שפּילט אויף די דעכער
פאַרשיידענע מעלאָדיעס,
שטילער און העכער.

אויף די שויבן
פון די פענצטער
לויפן רעגן טראָפּנס
אַראָפּ־אַראָפּ,
ווי פון הויכע פעלדזן
דער וואַסערפאַל
לויפט קאָפּ־אַראָפּ
און ווערט צעשאָסן
אויף שוים
אין טיפן טאָל.

די זון נידערט אַראָפּ

די זון אויפֿן האָריזאָנט
נידערט פּאַמעלעך אין טאָל
און ווערט פֿאַרשוואונדן
מיטאַמאָל.

דער טאָג האָט זיך אָפּגעשטעלט
און זיך פֿאַרטראַכט —
זיינען די חלומות
געבליבן הענגען אויף די ביימער
און ס׳האָט זיי איינגעהילט די נאַכט.

אַ ווינטער־פֿרימאָרגן

ס׳האָט אַ ווינטער־פֿרימאָרגן
דער וועלט אַ בלענד געטאָן אין די אויגן,
זיינען אַלע קראָען
אין די ווייטן זיך צעפֿלויגן.

די צווייגן פֿון די ביימער,
מיט קרישטאַלענע צעפּ באַהאַנגען,
האָבן מיט זילבערנעם שימער
שטיקער זון געפֿאַנגען.

ס׳האָט דער פֿראָסט אַ זילבערנעם חלום אויסגעשפּינט,
דורכגעלויכטן מיט אַלע קאָלירן פֿון רעגנבויגן.
דער פֿראָסט האָט דעם חלום פֿאַרפֿרוירן
און מיט אַ שניי גירליאַנדע פֿאַרצויגן.

אַ שטראַל פון דער זון...

אַ שטראַל פון דער זון
טוקט זיך אין אַ וואַסער־טראָפּן
אויף אַ האַרבסטיקן, געלן בלאַט.

דער זון־שטראַל
וועט אויסקושן דעם טראָפּן,
דער ווינט וועט פאַרבלאָזן דאָס בלאַט.

דער בלאַט וועט צעפוילן,
צעפאַלן, צעפליען,
און נייעביימער
וועלן זיך צעבליען.

און נייע פייגל וועלן קומען,
אין די צעגרינטע צווייגן,
בויען נעסטן, היימען פאַר די קינדער,
פייגל וועלן זינגען — ווערים וועלן שווייגן.

און נייע ווינטערס וועלן קומען
און שטורעמס וועלן רייסן, ברעכן ביימער־קרוינען,
און מיטאַמאָל שוין ווידער פרילינג,
און ס'בליען גרינע בלעטער —
נאָר צו גאַפן און צו שטוינען.

:: :: ::

אַ שטראַל פון דער זון
און ס'קוואַלט לעבן דערפון...

אַז איך באַגעגן די זון...

אַז איך באַגעגן די זון
דורך טיר־און־פּענצטער אינדערפרי,
ווערן מיינע אויגן גרין און פייכט
און ס'פינקלט אין זיי אַ ליכטיקער גלי.

און ס'מאַניעט מיך דער דרויסן
און ס'רופן מיך די וועגן,
און די פרייד פון לעבן
טאַנצט מיר לוסטיק אַנטקעגן.

ווי דער פונק פון אַ שוועבעלע
אַ פייער צעפלאַקערט,
ווי די ערד לעבט־אויף
פון דעם שאַרף פון דעם אַקער —

אַזוי ווערט צעברויזט מיין פריידיק געמיט
פון אַ זוניק גילדערנעם שטראַל.
עס צעטאַנצלען זיךביימער,
טאָלן און בערג,
ס'טוט דאָס האַרץ זיך אַ צעעפן —
צו דער וועלט אַ צעפראַל...

מעג זיין האַרבסטיק־ווינטיק ווינטער־פראָסטיק —
סע זומערט, סע פרילינגט דאָס לעבן אַרום מיר
אַזוי שנעל ווי איך באַגעגן זיך
מיט דער זון ביי מיין טיר...

טוי...

דער טוי
אויפן גראָז
ווי מילך
זעט אוים.

ווי מאַמעשע מילך
אויף קינדערשע ליפּן;
טראָפּנס לבנה
דורך הימלשע זיפּן.

לויטערע טראָפּנס
מיט זונען געפאַנגען,
אויף גראָזן זיך וויגן
ווי שטילע געזאַנגען.

ווינעגדיקע וואָלקן־לעמער

די טראָפּנס
אויף די בלעטער
פון די ביימער
זיינען די טרערן
פון ווינענדיקע
וואָלקן־לעמער,
וואָס בלאָנדזשען
פאַרלאָרענע
אויף די הימלען
ווייס און בלוי.

די טראָפּנס
ווערן אויסגעקושט
פון זון,
ווי פרישער טוי...

די הימלען זיינען היינט פאַרכמורעט...

די הימלען זיינען היינט פאַרכמורעט,
איינגעהילט אין טרויער.

טרערן־טראָפּנס לויפן
אויף די בלעטער פון דיביימער,
אויף די שויבן פון די אומעטיקע פענצטער,
אויף די קוימענס און די דעכער,
אויף די שאָף און אויף די לעמער,
אויף די שפּאַלטן, אויף די לעכער.

אויף די פלויטן,
אויף די שייערס,
אויף די שטאַלן,
אויף די גייערס.

אויף די פערד
און אויף די רינדער —
ניט געשאַנעוועט קיין אַלטע,
ניט געשאַנעוועט קיין קינדער.

אויף טייכן, אין זאַמדיקע בעטן,
אויף די ימים, אין די טיפן,
אויף די באַנען און די שיפן.

רעגן טרערן אין געיעג
איבער שטעג
און איבער וועג.

וועט ווער דערזען?
וועט ווער דערהערן?
וועט ווער דערפילן
פיין פון טרערן? — — — — —

צער פון הימלען,
אין כמאַרעס פאַרהוילן,
ווי לאַגלען פול
מיט טראָפּנס טרערן —
לעכצן, אַז די זון זאָל קומען
און מיט מאַמעשע רחמים
אויסקושן זייערע טרערן —
אַז די וועלט זאָל ליכטיקער ווערן.

פרילינג

ס׳איז היינט ביי מיר פרילינג,
כאַ־כאַ, כאַ־כאַ.
ס׳האָט היינט אין מיין האַרץ
אַ זון זיך צעפרילינגט.
שטראָמען פליסיק גאָלד
האָבן זיך צעשטראַלט אין מיינע גלידער.
אַ הייב און אַ שפרונג
פי־פאַ
און היידאַ
און גלייך אויף דער גאַס —
די שטאָט איז פאַרטרונקען
אין פליסיקן גאָלד
וואָס גיסט זיך פון הימל.
און איך —
מיט אויפגעפראַלטע מויל און אויגן,
מיט אויסגעשפרייטע הענט
איבער שטאָט און איבער גאַסן:
או־פאַ — כאַ־כאַ.

צו וועמען

צו וועמען זאָלן זיי טענהן,
די ווייסע וואָלקן־שוואַנען,
אַז דער וואולוואָרט וואָלקן־קראַצער
פאַרשטעלט זיי זייער וועג
אינמיטן זייער גערעג —
אין די אָפענע ימען?
צו וועמען זאָלן זיי טענהן?

אַ מעת־לעת

פֿאַרטאָג,
האָט זיך דער מעת־לעת אַרויפֿגעדראַפּעט אויפֿן באַרג,
זיך אויסגעבאָדן אין טוי
און אַרום אויף דער וועלט
אַ לויטערער,
אַ ליכטיקער,
מיט דער זיסקייט פֿון קינדער־גלידער,
מיט דער פֿרייד פֿון אַ גליקלעכער מאַמע.

בײַטאָג,
האָבן אים די גאָלד־בלאָנדע האָר פֿון דער זון
געגעבן אַ נעם־אַרום ווי אַ שריפֿה —
האָט ער זיך, אַ ברענענדיקער,
מיטן בלוט פֿון דער זון אין זײַנע אָדערן,
צעלאָזט איבער דער וועלט
אין אַ פֿאַרשײַט־ווילדן טאַנץ.

פֿאַרנאַכט,
איז ער פֿלעקנדיק געוואָרן.
אין מיט פֿון דער שטאָט האָט ער זיך פֿאַרטשעפּעט
אין דעם בויך פֿון דער ערד,
האָט ער געגעבן אַ פֿאַל אַוועק
און געבליבן ליגן אַ שוואַרצער
מיט בלויע
און רויט־צעגליטע וואונדן.

פֿאַרטאָג,
אַז דער טומל פֿון דער שטאָט האָט נאָכגעלאָזט,
האָט ער זיך אַ מידער,
אַ ניט־דערשלאָפֿענער,
מיט בלויע און שוואַרצע וואונדן
גענומען שלעפּן צוריק אויפֿן באַרג.
נאָר צום שפּיץ האָט ער שוין ניט דערגרייכט —
ס'איז אָנגעקומען אַ נײַער מעת־לעת.

באָדט זיך דער פּאַנטאַן

באָדט זיך דער קליינער פּאַנטאַן
אין זוניקן גאָלד,
און שפּריצט רעגנבויגן קאָלירטע פּערל
אַרום און אַרום.
קומט צו אַ זומער־מיידל
און בייגט זיך אָן צו טרינקען,
קלאַפּן זיך אָן די רעגנבויגן קאָלירטע פּערל
אין די ראָזע ווענטלעך פון איר מויל,
און קיצלען איר ווייסן האַלדז:
— כאַ, כאַ, כאַ,
און
— כאַ, כאַ, כאַ,
פאַלן גאָלדענע רענדלעך
אויף קרישטאָלענע טאַצן,
און די חברטעס אַרום כאַפּן זיי אויף:
— כאַ, כאַ, כאַ,
און
— כאַ, כאַ, כאַ.

אַ זון איז געשטאָרבן

ווי אַ גוסס וואָס וויל ניט שטאַרבן
האָט זיך די זון מיט אירע פינגער־שטראַלן
אָנגעכאַפּט,
און די קופּאָלן פון די הויכע מויערן
אַ צוק געטאָן.
אָפּגעלאָזט איין פינגער,
אַ צווייטן,
און געשטאָרבן.

דאָס אָנקומען פון שטורעם

אינמיטן טאָג —
איז נאַכט געוואָרן.
די שטילקייט
האָט זיך פון הויט געריסן,
און אויסגעטאַנצט מיט שטילע טענער
דעם זיבן־פאַרביקן טאַנץ
פון מוטערפערל.
אויפן פענצטער־וואַלד פון וואולוואָירט הימלקראַצער
האָט זיך אָפּגעשפיגלט
דער זיבן־פאַרביקער טאַנץ
פון מוטערפערל.
די בריק האָט געעפנט
אַ שטאָק־פינצטערן הייל,
מיט זוכנדיקע אויגן,
מיט ברומענדיקע קולות
און שטילע געשרייען.
אַרום און אַרום
פאַרזשמורעטע פענצטער־אויגן,
און אינמיטן, —
מיט צעשפּרייטע הענט און פיס
יאָגן זיך שוואַרץ צעגאָסענע פלעקן
אין אַלע זייטן
און ווייסן ניט וואוהין. —

צייטיקע וויינטרויבן

זומערדיקער נאָכמיטיק.
די פאַרהאַנגען אַרונטערגעלאָזט,
שאָטנדיקע קילקייט אין צימער. —

אין געשליפענעם קרישטאָל
שפּיגלען זיך די פולע וויינטרויבן,
זאַפטן קריכן פון די הויטן,
רייצן מיין גומען.

איך דריק מיינע אויגן צו —
ווייסע מיידל-פינגער
פאַרדריקן די וויינטרויבן —
שפילנדיקער קאָלירנדיקער טרויבן-זאַפט
אין געשליפענעם קרישטאָל.
(קליינע, ראָזע פיסלעך טאַנצן אַרום די ברעגן.)

קילע זונשטראַלן ברעקלען זיך —
ציטערן-אויס אַן אינדיאַנער-זומער ליד.

טרויבן-שטענגלעך, מיט רייפע טרויבן
צאַפּלען און ציטערן — — —

מיינע הענט גיבן זיך אַ צי — — — — — — —
אונטערן שאָטן פון מיינע ברעמען,
ביים פוס פון געשליפענעם קרישטאָל,
וואַלגערן זיך צוזאַמענגעדרייטע, נאַקעטע צווייגעלעך
מיט ניט-צייטיקע און איבערגעצייטיקטע טרויבן. —

מיין צאַרטע פּערלמוטער פּען און
מיין דיקע פּאַונטענפּען

אין איר באַקוועמען קעסטל־בעטל
ליגט מיין שיין־געשניצטע פּערלמוטער פּען,
וואָס כ'האָב געבראַכט פון ירושלים,
מיט יינגלשן ציטער פון די חדר־יאָרן.
בייטאָג האָט פון הינטער דער ווייסער הויט
אַרויסגעשפּיגלט אַ רעגנבויגנדיקער קאָליר.
איצט ליגט זי אין איר צניעותדיקער בלייכקייט
און דאָס צאַרטע האַרץ
פלאַטערט און ציט
צום ווייס־פלאַטערדיקן פּאַפּיר,
אויף מיין שרייב־טיש.

אויפן הוילן טיש, נאָענט צום פּאַפּיר,
ליגט מיין דיקע פּאַונטענפּען.
אַן אָנגעגאָסענע,
אַ פולע
און מיט זאַפּטיק־פייכטע ליפּן
צאַפּלט זי פון ניט־געצוימטער ליידנשאַפט.

אָט דער וואָס פירט די וועלט
גיט אַ פיר מיין בלינדע האַנט
און די דיקע פּאַונטענפּען
כאַפּט זיך צו מיט ווילדער ליידנשאַפט
און קלעפּט זיך אָן מיט פייכטע ליפּן
אין קלאָרער ווייסקייט פון פּאַפּיר — — —

דאָס בלוי־ווייס גאַז־פלעמל אונטער מיר
גיט זיך אַ צאַפּל
און בייגט זיך מיט נייגער איבער מיין רוקן.

דער אַרבוז אויפֿן טיש

אויפֿן טיש ליגט דער אַרבוז
פֿול מיט צאַפּלדיקער רייפֿקייט
און ציטערט פֿון באַגער
צו וואַרעמע ליפּן,
צו ווייסע ציין
און באַהעפֿטונג פֿון גומען.

אַ בלייכע האַנט גיט אַ שוואונג אין דער לופֿט
און לאָזט זיך אַראָפּ מיט בליציקער שאַרף.
צאַפּלט־אויף דאָס האַרץ פֿון אַרבוז
און ראָזע זאַפֿטיקייט גיט זיך אַ שלענגל
איבערן ווייסקייט פֿון טישטוך.

ליגט דאָס אָפֿענע האַרץ
מיט אָפֿענער רעגונג,
מיט אומגעדולדיקער דערוואַרטונג —

די לופֿט אין צימער
זאַפּט־איין דאָס צאַפּלדיקע פֿרישקייט,
די ציטערדיקע פֿאַרלאַנגען
פֿון זאַפֿטיקן אַרבוז —
הייסע ליפּן
פֿאַלן־צו צום אָפֿענעם האַרץ
פֿון אַרבוז.

דאָס לעצטע שפּילן פֿון דער ייִדישער קאַפּעליע *)

(דראַמאַטישע פּאָעמע—צווייטער וואַריאַנט)

אין דער בלויקייט פֿון דער נאַכט זעט זיך אַ חורבה. אַ געדעכעניש פֿון אַ הויז. איבערבלייבענישן פֿון ווענט. רעכטס אַן איינגעפֿלענער אויוון. אַ קוימען מיט אַן אָפֿן האַרץ רייסט זיך צום הימל און שרייט אין דער פֿוסטער נאַכט אַריין מיט אַ שטילקייט, וואָס יאָמערט אין די אויערן. לינקס — אַ קאָמאָדע מיט אַן אונטערגעהאַקטן פֿוס, שטייט ווי אַ הויקער — איין אַקסל רייסט זיך אַרויף צום הימל מיט אַ שטומער טענה, דער צווייטער רייסט זיך צום דיל — ניטאָ צו וועמען צו האָבן טענות. די שיפֿלאָדן־מיילער זיינען צעעפֿנט און סלינען מיט העמדער, טישטעכער, אַ צעפֿליקטן טלית. איבערן דיל וואַלגערן זיך צעבראָכענע שטיקער מעבל באַדעקט מיט אַ שניי פֿון ווייסע פֿעדערן.

אין א ווינקל שטייט אַ הינקענדיק וויגל, מיט פּוסטער נאַקעטקייט.

אינמיטן דער חורבה, אַרום אַ לאַנגן טיש, ליגן ווי פֿאַרוואונדעטע נאָך אַ שלאַכט:

אַ פֿידל מיט אַן איבערגעבראָכן העלדזל, מיט איין סטרונע;

אַ פֿלייט מיט אַן אָפּגעבראָכן אויערל;

אַ באַס מיט צעבראָכענע זייטן. די גראָבע איבערגעריסענע סטרונעס זעען אויס ווי דאָס אַרויסהענגענדיק איינגעווייד;

אַ פּויק מיט אַן אויפֿגעריסענעם בויך.

אַ לבנה, אַ בלאַסע, ווי אַ כלה, וועמענס חתן איז אומגעקומען אין טאָג פֿון דער חופּה, שווימט אַרויס פֿון אַן אַשיקן וואָלקן און פֿאַרגיסט מיט צאַרטער בלאַסקייט די חורבה. די בלייכע שטראַלן אויף די פֿעדערן זעען אויס ווי מאַמעשע הענט, וואָס רוען אויף די ראַנדן פֿון אַ זיפּ מיט פֿעדערן, און וועלכן עס פֿוכט זיך אַ קישן פֿאַר דער צניעותדיקער כלה. פֿון די פֿינגער טריפֿן צערטלעכקייטן און ברכות אויף דער כלהס קאָפּ.

אין הינטערגרונט טוקט־אויף אַ אַ שטעטל פֿון חורבות, וואָס שטומען אין דער נאַכט מיט אַ שטילקייט, וואָס רייסט זיך צו די הימלשע טויערן און טריפֿט מיט בלוטיקע טרערן.

עס פֿילט זיך נאָך אין דער לופֿט דער פּאָך פֿון דער בלאַנקענדיקער שווערד און דער פֿאַרדומפּטער קראַך פֿון באַפּאַנצערטן פֿוס, וואָס האָט דאָ געטראָטן.

אַ הויכע געשטאַלט, געבויגן, ווי ס'וואָלט געטראָגן אויף זיך דעם גאַנצן צער פֿון חורבן, טראָגט זיך איבער די חורבות. אין דער רעכטער האַנט — אַ גרויסן, גראָבן שטעקן, אין דער לינקער — אַ קאַלאַקאָטקע.

פֿון צייט צו צייט ווערט די נאַכט צעריסן פֿון אַ יאָמערדיק געוויין פֿון פֿאַרהונגערטע קעץ, וואָס בלאָנקען איבער די חורבות.

(דאָס הויכע געשטאַלט דערנענטערט זיך צו דער חורבה. עס באַווייזט זיך צוערשט די קאַלאַקאָטקע)

די קאַלאַקאָטקע:

קליק־קליק,
קליק־קליק,
צו וועמען איז מיין אָנזאָגן?
צו קיינעם איז מיין אָנזאָגן —
פּוסט און נאַריש איז מיין קלאַפּן.
קליק־קליק,

*) דאָס איז דער צווייטער וואַריאַנט, געדרוקט אין 1948, אין דעם זשורנאַל „ייִדישע קולטור”. דער ערשטער וואַריאַנט איז געווען געדרוקט אין „די פֿעדער”, אין 1923.

קליק-קליק,
צו וועמען איז מיין שרעקן אין
דער נאַכט?
צו שרעקנדיקע קעץ,
ווי שרעקנדיקע קינדער,
איז מיין שרעקן אין דער נאַכט.
שאָטן-שרעק
און קאַצן-יאָמער.
פּוסט און נאַריש איז מיין קלאַפּן,
קליק-קליק.

(ס'באַווייזט זיך דאָס געשטאַלט פון משוגענעם שומר. ער גיט אַ בייזן קלאַפּ מיט דער קאַלאַקאָטקע.)

די קאַלאַקאָטקע:

קליק-קליק —

דער משוגענער שומר:

שומר, מה מליל?
וואָס דערציילט די נאַכט? —
די נאַכט איז לאַנג
און טויב און שטום
און דעקט צו אַלץ
וואָס גלייך און קרום.
די נאַכט האָט אויגן,
וואָס זיינען בלינד.
די צונג — פאַרשטיינערט.
די ליפּן — פאַרשטומט.
און איך, דער שומר,
וואָס דערצייל? —
שרעקנדיקע שאָטנס אין דער
נאַכט —
פּאַלאַצן היט איך
מיט האָב און גוטס פון גאָר
דער וועלט.
אַ כלהס בעט,
אַ קינדס אַ גלעט,
דעם לעצטן קלאַנג
פון אַ געזאַנג,
אַ בלעטל פון אַ תחינה,
די געשאָכטענע שכינה,
פּרצעס אַלטן מאַרק,
שיכעלעך אַ באַרג,
אַ בלעטל מענדעלע מוכר ספרים
און אַלע הייליקע קברים.

די קאַלאַקאָטקע:

קליק-קליק,
כיק-כיק.

דער שומר:

איר הערט דאָס קלאַפּן פון מיין
קאַלאַקאָטקע?
איר הערט?
היט זיך פאַר מיין גראָבן שטעקן.
פּאַ-לאַ-צן היט איך —
מיט האָב און גוטס פון גאָר דער
וועלט.

די קאַלאַקאָטקע:

קליק-קליק,
קליק-קליק,
קליק.

(דער שומר קוקט אַרום די חורבה מיט גרויסע, אויסגעסטאַרטשעטע אויגן. דערזעט דאָס וויגל, גייט צו, לאָזט זיך פּאַמעלעך אַראָפּ אויפן טאַבאַרעט. זיצט פאַרזונקען אין מחשבות. זיין האַנט הייבט זיך פּאַ־מעלעך צום וויגל. ער הייבט עס אָן וויגן און זינגט.)

דער שומר:

אַ-אַ-אַ-אַ-אַ —
ליידיק איז יאַנקעלעס וויגעלע,
פאַרצוקט דאָס קלאָר-ווייסע
ציגעלע.
אויף מאַמעס ליפּן, יידעלע,
געשאָכטן ליגט דאָס לידעלע.
וועלף זיינען געקומען,
דעם טאַטן צוגענומען —

(דאָס געזאַנג ווערט איבערגעריסן פון אַ יאָמערדיק געוויין פון הונגע־ריקע קעץ.)

די קעץ:

(שפּרינגען צווישן די חורבות)
מיאַו-מיאַו-או!
מיאַו-או-או!

דער שומר:
אויף די חורבות פון בית-המקדש
האָבן פוקסן אומגעבלאָנקעט און
געוויינט.
אַהער האָבן זיך די קעץ
פון גאָר דער וועלט פאַרקליבן
און מיאַוקען אוים זייערע וויסטע
קלאַגן.
(גיט אַ קלאַפּ מיט דער קאַלאַקאַט-
קע.)

די קאַלאַקאַטקע:
קליק-קליק,
קליק.

דער שומר:
(פאַרגעסט אין וויגל. נעמט בלאַנ-
קען איבער דער חורבה):
איך קום פון די הויכע רוימען,
פון העט-העט הויך, אויפן
קוימען.
פאַרדעקט אַלע שפּאַלטן,
און אַלע נשמהלעך פאַרהאַלטן:
לעבנס ניט-דערלעבטע,
חלומות ניט-דערוועבטע.
איך וועל וועלט ניט לאָזן
באַרויבן.
יעדע נשמהלע
וועל איך אַרומוואַשן
פון אַלע אַשן
און אַלע שטויבן
און אַריינהויבן לעבן.
איך, בערל בדחן,
בין פון שטעטל דער קרוב,
דער שומר פון שטעטל,
פאַר יידן דער ערב.
(פאַרטראַכט זיך — מיט סטאַר-
טשענדיקע אויגן אין דער ווייט.)
בערל בדחן — איצט דער שומר,
דער היטער פון יידישן דלות...
(זיין פּנים שיינט-אויף)
געוועזן אויף אַלע שמחות פון
שטעטל —
באַזעצט אַלע הייליקע כלות...
... אוי, כלה-לעבן, כלה-לעבן —
וויינט דאָס פידעלע,
פאַרגייט די פּליוט.
צו דער חופּה
די כלה גייט...
ס'האָט די חופּה
ניט קיין שטאַנגען —
זקנים פיר
האָט מען געהאַנגען...
וויינט דאָס פידעלע,
פאַרגייט די פּליוט —
אין תכריכים
ליגט די פרייד...
מען פירט דעם חתן
צו דער שחיטה,
די כלה טראָגט מען
אויף דער מיטה.
וויינט דאָס פידעלע,
פאַרגייט די פּליוט —
ניטאָ קיין טרערן,
ניטאָ קיין פרייד.
צאָן קדשים... מע... מע...
מיינע שעפעלעך... מע... מע...
גרויע אַש... ווי... ווי...
מיינע עופהלעך —
אוי, כלה-לעבן, כלה-לעבן...
(שלייכט זיך אַרויס פון דער חורבה.
גיט אַ קלאַפּ מיט דער קאַלאַקאַטקע.)

די קאַלאַקאַטקע:
קליק-קליק,
קליק.

דער שומר:
פאַ-לאַ-צן היט איך.

(די חורבה ווערט פאַרזונקען אין
שטילקייט, וואָס האַלט-אָן אַ לענגע-
רע צייט. בלויז דאָס מיאַוקען פון
קעץ און דער קליק-קליק פון דער
קאַלאַקאַטקע רייסן איבער פון צייט
צו צייט די שטילקייט. אַ ווינטל גיט
אַ בלאָז.)

די פידל:

אַט אַזוי,
טעג און נעכט
קומען און פאַרגייען.
קליק-קליק,
קליק-קליק,
און שטילער שווייגן,
פאַרעקשנט שווייגן.

די פלייט:

וואָכן לאַנג אַזוי,
און ניט פון אָרט.
פייגל פליען
אין די הימלען.
דאָ צו בלייבן —
ניטאָ קיין ביימער.
פליען ווייטער
אין די ווייטן,
דאָ צו בלייבן —
ניטאָ קיין נעסטן.
פייגל, פייגל,
פליען, פליען,
פלאַטערט, פליגל,
אַהין, אַהין.

די פויק:

מיט מיין אויפגעריסענעם בויך
אין פאַרגליווערטער גסיסה,
בים-בום, בים-בום.
אין פאַרגליווערטן בין-השמשות,
ברעך און שטעך און קנאַק
און זעץ.
אויף דער סטעליע הענגט אַ קאָפּ,
די צונג אין דרויסן — אַט אַ לץ.
בים-בום, בים-בום!
וועלט איז הפקר — קנאַק און
זעץ.
בים-בום, בים-בום!

דער באַס:

נאָך פיל איך דעם באַנאַגלטן
שטיוול
אויף מיינע איינגעבראָכענע
זייטן,
אַ ראָד פון פייער אַרום מיין קאָפּ;
די וועלט — אַ פייער-קויל זינקט
אין ווייטע ווייטן.

די פלייט:

נאָך איין מאָל איבערחלומען דעם
חלום
און פאַרגיין,
שטיל פאַרגיין.

די פידל:

נאָך איין מאָל פילן
די בלייכע, לאַנגע פינגער
צאַרט זיך ציען
אַרום מיין האַלדז.
נאָך איין מאָל רוען
אויף זיין אַקסל
און פילן די נאָענטקייט
פון זיין וואַרעמען האַלדז.
נאָך איין מאָל קוקן אין זיינע
אויגן,
מיט אַ חלום
שטיל פאַרצויגן.
נאָך איין מאָל זיך פאַרגיין
אין שטיל געוויין
פון טיפער פרייד.
נאָך איין מאָל
אין געלעכטער זיך צעלאָזן,
ווילד צעלאָזן,
און פאַרגיין
אין שטיל געוויין.

די פלייט:

נאָך איין מאָל פילן
דאָס שטילע צערטלען
און ווילדן שפּרינגען
פון זיינע דינע פינגער.
נאָך איין מאָל איינהויכן
דאָס שטיל געבעט,
דאָס האַרציק געוויין,
מיטן ראָזן הויך
פון זיינע ליפּן.

נאָך איין מאָל
שטיל פאַרשלינגען
זיינם אַ טרער,
אַ שטילן זיפץ,
און פאַרגיין —
שטיל פאַרגיין.
דער באַס:
אַך . . . נאָך איין מאָל
מיין קאָפּ פאַרוואַרפן אויף זיין
אַקסל,
אין מיינע אויערן
איינזאַפּן דעם ניגון,
און אויסטאַנצן מיט מיינע
סטרונעס
און צובאַמקען דעם בים-באַם
פון טיפן האַרצן.
נאָך איין מאָל
איינזאַפּן די גרויסע פרייד
פון זיינע טאַנצנדיקע פינגער,
און אויפציטערן
מיט סטרונע-פלאַטער.
די פּויק:
נאָך איין מאָל פילן
די ווייכע קלעפּ,
גוט-ברודער קלעפּ
אויף מיינע ברייטע פּלייצעס.
נאָך איין מאָל פאַרטומלען
און פאַרקלאַפּן
אַלע אויערן,
אַלע ווייען,
און פאַרגייען —
אין גרויסן טומל
שטיל פאַרגיין.
די פידל:
(גיט אַ טיפן זיפץ):
דאָס לעצטע שפּילן —
די פלייט:
אוי, דאָס לעצטע שפּילן!
דער באַס:
איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן.
די פּויק:
קיינער קאָן דאָס קיינמאָל
ניט פאַרגעסן.
די פידל:
אונטער לאַסט פון שווערע בליקן,
שפּיזיקע בליקן, —
האָט זיין קערפּער זיך געבויגן.
אַ ווילדער טייוול האָט געטאַנצט
אין זיינע אויגן.
ווילד געשפּרונגען איז דער בויגן,
ס'האָט געפּלאַצט אַ סטרונע
נאָך אַ סטרונע.
ס'האָט געפּלאַצט אַ האַרץ
אַ צאַרטס
פון גרויס פּיין,
לעבן מיין.
די פלייט:
ס'האָט זיין הויך זיך ווילד
געביטן,
ווי מיט בלאַנקע מעסער
איבערגעשניטן,
און די פינגער,
אוי, די פינגער,
ס'האָבן פונקען אויסגעטאַנצט
אַ טויט-קאַדריל,
ביז פאַרשטאַרבן שטיל שטיל.
דער באַס:
אין דרייען האָט ער זיך געבויגן
און געדרייט מיט זיינע ליפּן,
און געפּאַכעט מיט די לונגען
ווי אַ בלאָזאַק גאָר אַן אַלטער,
מיט דעם סמיטשעק,
ווי אַ זעג אַ שאַרפע,
איבער מיר געשניטן און געריסן.
הייסע קויל — וואַרעם בלוט,
און די פינגער — קאַלט און
אייזיק.
די פּויק:
ווי אַ גראָבער האָגל
זיינען זיינע פינגער אויף מיר
געפאַלן
און געהויקערט

און געבויקערט,
און אַרום אַ ווילד געלעכטער,
מיט אַ קלאַפּן,
מיט אַ טאַנצן —
און אַ פּוס, אַ גראָבער און אַ
פּרעמדער,
מיר פֿאַרפֿאַרן גלייך אין בויך.
אַ בליאַסק פֿון שווערד —
פּויקער זינקט צו דר'ערד.
לעצטער פּויק אויף פּויק.

דער באַס:

מיט אַ שטיוול
פֿול מיט נעגל
אין די זייטן.

די פֿלייט:

און זייט דאַן —
פֿאַרגליווערט שווייגן.

די פֿידל:

אַלע סטרונעס שוין געפּלאַצט —
איינע נאָך פֿאַרבליבן.
מיט דער לעצטער סטרונע
איין מאָל אויסשפּילן,
פֿאַרענדיקן
דעם לעצטן חלום.

די פֿלייט:

נאָך איין מאָל איבערחלומען
דעם חלום
און פֿאַרגיין,
שטיל פֿאַרגיין.

(די לבנה פֿאַרשווימט אונטער אַ וואָלקן. עס ווערט טונקעלער. עס שאַרן זיך אַריין געשטאַלטן — די קאַפּעליע, מאַכן באַוועגונגען ווי זיי וואָלטן אויפגעהויבן די אינסטרומענטן און געשפּילט אויף זיי. דער משוגענער שומר לייגט אַוועק דעם שטעקן און די קאַלאַקאַטקע, שפּרינגט-אַרויף אויף אַ בענקל און נעמט באַזעצן די כלה. אונטער דער באַגלייטונג פֿון דער קאַפּעליע הייבט ער אָן זינגען):

דער שומר:

אוי, כלה-לעבן, כלה-לעבן . . .

באַלד וועט מען דיך צו דער
חופּה פֿירן — — —

די פֿידל:

זום . . . די סטרונעס . . . זום,
זום . . . די סטרונעס . . . זום,
אוי, כלה-לעבן, כלה-לעבן . . .

די פֿלייט:

פֿונעם . . . האַרצן . . . פּי . . .
פֿונעם . . . האַרצן . . . פּי . . .
וויין, געוויין דאָס לעצטע . . .

דער באַס:

געוועזן, געוועזן אַמאָל . . .
די מחותנים גייען אַ פֿריילעכס,
בירעמבאַם, בירעמבאַם,
בירעמבאַם . . .

די פּויק:

בים-בום, בים-בום,
לעבעדיק און פֿריילעך, יידן!
צייטן נייע קומען אָן . . .

דער באַס:

שטייט-זשע ניט פֿון ווייטן,
אַהער, יידן, אַריין אין קאָן!

די פֿלייט:

פֿליען יידן — פֿלאַטערן פּאָלעס,
פֿריי זיך, קבצן! הוליע, דלות!
טידל-טידל-דאַם-דאַם-דאַם . . .

(די טענער שטאַרבן ביסלעכווייז אָפּ. דער שומר הייבט אויף די קאַלאַקאַטקע מיט דעם שטעקן, לאָזט זיך לאַנגזאַם גיין איבער די חורבות.)

דער שומר:

פֿאַ-לאַ-צן היט איך —
מיט האָב און גוטס פֿון
גאָר דער וועלט — — —

(ער פֿאַרשווינדט אין קילן פֿאַרטאָג. עס באַווייזט זיך אַ זילבערנער פּאַס אויפֿן האָריזאָנט. עס הייבן זיך אָן דורכרייסן זון-פּאַסן דורך די וואָלקנס.)

דער יידנבוים

אין האַרבסטיקער נאַכט שטייט דער דייטשישער זעלנער און היט
דעם יידנבוים אויפן שיידוועג ביים שטעטל.
די נאַכט ווינט אוים מיליאָנען שטערן־אויגן אויף איר בראָך,
אויפן יידנבוים אויפן שיידוועג ביים שטעטל.

דער יידנבוים בייגט דעם קאָפּ, ווי אַ לולב, אויף אַלע זייטן:
קיין מזרח, קיין מערב, קיין דרום, קיין צפון:
— אַזוי ווי איך קאָן שוין קיין רו מער ניט געפינען,
אַזוי זאָל קיין אויג זיך מער ניט שליסן צום שלאָפן.

וואַך אויף, וועלט! הער, וועלט! שטעל אָן די אויערן און האָרך!
וואַסערן, הערט אויף מורמלען! הערט אויף רוישן! שטעטלט זיך אָפּ!
זון, לעש זיך אוים און פאַרהיל זיך אין אייביקער נאַכט!
הימלען, ווערט פאַרגליווערט אין בלייענער גרוי איבער וועלטס קאָפּ!

גראָזן, הערט אויף גרינען!
פלאַנצן, הערט אויף שפּראָצן!
ביימער־וואָרצלען, נערט זיך מער ניט!
זאָל די ערד ווי אַ פולער אייטער פּלאַצן!

וועלט, אָ, וועלט! צי האָט מען ווען געזען,
צי האָט מען ווען געהערט,
ווי פון אַ גוטן באַרנבוים —
אַ יידנבוים גאָר ווערט!

• • •

געווען בין איך אַ באַרנבוים, אַ געזונטער, גוטער באַרנבוים,
אָט־דאָ, אויף דעם שיידוועג ביים שטעטל דעם קליינעם.
און ווער עס האָט געהאַט פאַר שיינקייט אַ זין,
געקומען איז באַוואונדערן דעם באַרנבוים, דעם שיינעם.

געקומען און הנאה געהאַט פון די רייכע פּרוכטן,
די סיפּקע, מעליקע באַרן מיט גאָלדענע בעקלעך.

דערוואַקסענע האָבן זיי מיט דער האַנט דערגרייכט,
קינדער — מיט שטיינדלעך און מיט שטעקלעך.

ס'האָבן מענטשן געזעטיקט דעם הונגער,
פאַרזיסט דעם גומען, דעם דורשט געשטילט,
און שניטער, אין טעג פון שווערער מי,
האָבן זיך אין מיין שאָטן געקילט.

אין לבנה־נעכט, אוקראַיניש מיידלעך,
האָבן פאַרליבט זייערע הערצער אויסגעגאָסן.
מיין שפּע האָב איך אויסגעשפּרייט אויף אַלעמען —
ס'האָט יעדער פון מיר גענאָסן.

ל״ג בעומר האָבן חדר־יינגלעך אין מיין שאָטן
מלחמה געהאַלטן מיט פייל און בויגן
קעגן די עמלקים, די פלישתים —
און געשלונגען דעם רבינס מעשיות מיט בליציקע אויגן.

כ'האָב געזען די שטעטלשע חתונות און לוויות.
די שמחה און דעם טרויער פון דעם ייד.
ס'האָבן מיינע צווייגן זיך געוויגט
צום טאַקט פון יידיש ליד.

געמיינט אַוודאי אַזוי שוין אויסלעבן די יאָרן —
צווייגן צעצווייגטע מיט באַרן באַשווערט.
גיי ווייס, אַז גאָר אַן אַנדער בוים צו זיין
אויף דער עלטער איז מיר גאָר באַשערט.

● ● ●

ס'האָבן הימלען גערעגנט מיט פייער,
די ערד האָט מיט בראַנד זיך צעברויזט.
ס'איז דער שונא, דער דייטש, באַפאַלן דאָס שטעטל
מיט שווערד און מיט פלאַמיקער שנאה אַנטבלויזט.

אויפֿן האַלדז פֿון שטעטל —
פֿינגער־קלאַמער פֿון שונא.
די מענטשן — בהמות.
דאָס שטעטל — אַ באַינע.

דונער, רויך און פֿייער,
לייב און לעבן, אַלץ וואָס טייער —
אַלץ געשענדט,
אַלץ פֿאַרלענדט.

פֿייער־צונגען איבער שטעטל
שוואַרצן אומגליק אויסגעשריבן,
מיך פֿאַרכאַפּט מיט פֿרוכט און צווייגן —
זיבן צווייגן בלויז פֿאַרבליבן.

ס'האָט דער שונא פֿונעם שטעטל
וואָס פֿאַרבליבן אָנגעטריבן,
און צום פֿיין פֿון מיינע יאָרן
אַרום מיר זיי אָנגעקליבן.

ס'האָט בייטש פֿון דייטש געטריבן
זקנים און פֿרויען און קינדער,
ווי ס'טרייבט דער שעכטער
צו דער באַינע שאָף און רינדער.

ס'שליאַכט די טראָגנדיקע זעלדע
מיט שפּיציקן בויך פֿאָרויס,
און דער רב, דער זקן,
מיט אויגן טיף און גרויס —

דער קאָפּ פֿאַרזונקען אין מחשבות,
דער שטערן געקנייטשט אין טיפֿע קאַרבן:
— ווער וועט ממשיך זיין דעם קיום,
אַז מיין עדה גייט איצט שטאַרבן?

ס׳גייען די לערער ישראל און גדליה,
און אַלע קינדער פון די קלאַסן:
— קינדער, נאָר ניט וויינען,
מען טאָר דעם שונא שרעק ניט ווייזן!

ס׳גייט יהושיקע דער משוגענער,
די אויגן ווי גולקעס אונטער שטערן:
— ווילט איר זען, ווי מיין מאַמע איז געשטאָרבן?
און קדיש ווילט איר הערן?

אין נאַכטיקער חשכות אַ קול ווי אַ וואונד:
— יתגדל ויתקדש שמיה רבה!...
ס׳קלאָגט דער קדיש נאָך דער עדה,
פונעם אייניקל ביז דער באָבע.

און איציקל דיין טענהט צום גרויליקן אַרום:
— ס׳קאָן דאָס אומגליק נאָך גרעסעס ווערן,
נאָר זאָגן וועל איך אייך, יידן,
ס׳וועט שונא-ישראל פאַרטיליקט ווערן!

וועלט איז פאַרהילט אין נאכט,
איבער שטעטל גאָט פון שלאַכט,
ציין אויף ליפן פאַרצוימט געוויין,
ס׳וויינט דאָס האַרץ פון קאַלטן שטיין.

דעם בלויען פאַרטאָג
האָט צעשניטן דער דייטש,
מיט אַ קול, אַ הילכיקן,
ווי דער קנאַל פון אַ בייטש.

— פון יעדן דור וועל איך אַ קרבן נעמען,
ווי נח אין דער תיבה פון יעדן מין, אַ פּאָרל נעמען.
און פאַר אַ צוגאָב אַן עופהלע —
ס׳וועט דאָס רייך קיינעם ניט פאַרשעמען!

אָט־דאָ אויף דעם בוים וועט איר הענגען,
אַביישפּיל פאַר דער וועלט און אַלע צייטן.
אַ וואונדער וועל איך דאָ ווייזן, — איך וועל דעם באַרנבוים
אויף אַ יידנבוים פאַרבייטן.

שטייט אין ים פון פּיין די קליינע עדה,
שטומע בליקן אויף מיינע צווייגן;
טאַטע־האַנט דריקט קינדיש קעפּל,
פאַרטאָג האַלט איין דעם אָטעם, פיינלעך שווייגן.

זיבן צווייגן זיינען מיר פאַרבליבן
פון דעם לעבן פון דעם מידן, —
וויגן זיך אויף מיינע צווייגן
הייליק לויטערע זיבן יידן.

• • •

אין האַרבסטיקער נאַכט שטייט דער דייטש
אויף דער וואַך ביי דעם בוים, דעם טשיקאַוון,
און ס׳שפּאַלט זיך דער הימל און צעשטורעמט געוויטער
און ס׳שטייגט אַ געיאָמער אויף די העכסטע אָקטאַוון.

ס׳האָט דעם הימל און די ערד דאָס געוויטער פאַרוואַשן,
ס׳איז תוהו־ובוהו געוואָרן די וועלט.
נאָר דער יידנבוים מיט די אויסגעשטרעקטע זיבן פינגער
דראָט דעם דייטשישן זעלנער, דעם העלד . . .

ס׳קראַכן די הימלען מיט געיאָמער:
— קין, אויף דיין שטערן איז אויסגעברענט: שאַנד.
ס׳וואַרפט דער דייטש די ביקס און לויפט אין נאַכט.
און די הימלען דונערן און רעגענען מיט בראַנד.

און ס׳יאָגט אים נאָך דער יידנבוים,
און ס׳ברענט דער צייכן אויף זיין שטערן,
און פון בראַנד און פייער־שטורעם טראָגט זיך:
— אַזוי וועסטו פאַרטיליקט ווערן!

מיר וועלן אָפּמעקן...

די ראַדיאָ איז לאַנג שוין פאַרהאַקט.
די צייטונגען צעוואָרפן אויפן דיל —
נאָר עס זעצט פון זיי אַ פייער בראַנד.
מיט וועלטן־ווייען געוואַלדעוועט די נאַכט.
פאַר די אויגן שווינדלט אַ צירקל אַ ווייסער —
אַ סוואַסטיקע — אַ בלוטיקע האַנט.

מיין האַרץ אין ציטערדיקן צאַפּל,
ווי אַ יידיש קינד אין נאַצישע הענט.
מיין בלוט האַקט מיט שפּיזלען אין מוח.
מיין האַלדז איז אין סוואַסטיקע פאַרקלעמט.

איך גיב זיך אַ ריס פון צוואַנג פון דער נאַכט.
איך גיב אויף דער שרעק זיך אַ וואָרף.
אויף צווייען צעשנייד איך דאָס בראַנדיק געשריי —
ס׳איז מיין גוף ווי אַ מעסער איצט שאַרף.

מיין גוף שניידט די נאַכט,
מיט פאַרגליווערטער שרעק —
איך לאָז זיך אַוועק
צו פאַרפייניקטע ברידער
אויף בלוטיקן וועג.

איך שפּאַן דורך די גאַסן פון שוואַרצן בערלין,
צווישן בייטשיקן חוזק־געלעכטער.
עס הענגט אויף מיין ברוסט ס׳שימפוואָרט „יודע״,
אויף מיין רוקן — די בייטש פונעם שעכטער.

מיינע אויגן אין די ווייטן.
ברענען לעכער אין דער נאַכט.
פרעגן שטום און שרייען הויך:
אָ. וועכטער, זיי איצט וואַך!

מיטן האַרץ פון דער וועלט,
מיטן מאַרך פון דער וועלט
רעווע איך אוים, שריי איך הויך: —
פאַשיסט, דער טאָג פון רעכענונג קומט אָן!
מיר וועלן אויפמאָנען אַלע ווייען, אַלע שרעקן, אַלע אוי׳ען,
מיר וועלן אָפּמעקן אייער געדעכעניש
פונעם פנים פון דער ערד.

אין לויף פון יאָרן

די נאַכט האָט געוויינט אויף זיין מזל

די נאַכט האָט געוויינט אויף זיין מזל.
און ער —
געבויגן ווי אַ פרעג-צייכן,
האָט מיט דער רעכטער האַנט פאַרקלעמט די לאַצן פון זיין ראָק,
צו באַשיצן זיין האָריקע ברוסט
און מיט דער לינקער האַנט געריעט אין די מיסט-קאַסטנס.

מעקאַרטי, דער וועכטער,
האָט געלויערט פון אַ ווינקל,
ווי אַ קאַץ אויף אַ מייזל,
און ס'האָבן זיך גרינע פייערלעך געצונדן אין זיינע אויגן.

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן גאַס-לאַמטערן.
די רעכטע פוס פאַרבויגן ווי אַ קראָקווע
און דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט,
האָט זיך געהוידעט ווי אַ פרעמדער.

און אַז מעקאַרטי, דער וועכטער,
איז אונטערגעשפּרונגען ווי אַ קאַץ
און זיך פאַרמאָסטן מיטן שטעקן —
האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ,
פאַרוואָרפן אויף לינקס,
און ברייט צענומען די הענט —
ווי אַ פויגל וואָס וויל באַשיצן זיינע קינדער.

און אַז מעקאַרטי, דער וועכטער,
האָט דערזעען די אָפענע וואונד —
דאָס נאַקעטע האַרץ,
מיט די טרערן פון דער נאַכט —
האָט ער זיך איבערגעצלמט
און שטיל אַוועק אין דער נעפּלדיקער נאַכט.

אַ לעבן אַזעלכעס

אַ לעבן אַזעלכעס —
דער רוח זאָל עס נעמען.

אַ גאַנצן טאָג ביי פאַרויכערטע ווענט,
די פּיס געבויגן ווי קראָקוועס,
די אויגן אין נעפּלדיקן גאָרניט
און געררויכערט און געשפּיגן.

פאַרנאַכט ביי פאַרנעפּלטע פענצטער
געשלונגען דאָס שפּייעכץ
און פאַרדומפּטן ריח פון ביליקע רעסטאָראַנען.

איצט. אין נאַכט —
וואָס־זשע זאָל מען טאָן,
אויב ניט פאַר די אויסגעבעטלטע פּאָר סענט
קויפן סמ׳יקן שנאַפּס?

און אַז ס׳איז ניטאָ קיין פריילעכע חברים,
און אַז ס׳איז ניטאָ קיין פּליושענע דיוואַנעס מיט זיידענע קישן —
זיינען די מיסט־קאַנען — חברים,
און די שטיינערנע שוועלן און טרעפּ —
די פּליושענע דיוואַנעס מיט די זיידענע קישן.
און פרעמדע קאָרידאָרן — די בעסטע פּאַלאַצן,
צו טוליען זיך מיט עלנטע קעץ.

גיט מען זיך איבער דעם ווינט,
ווי אַ גאַסן־מיידל אַן אַלטן מנובלניק.
און ער —
סאַדיסטיש שפּיזלט ער און שטעכט דאָס לייב
און טאַנצט אַ הורן־טאַנץ — — —

מאָרגן פרי וועלן קרעמער מיט בינטלעך שליסל
שפּאַנען איבער קערפּערס —
און רייבן די הענט פאַר אַ קונה.

דער ניט־געשריבענער בריוו
פון אַמעריקאַנעם ברודער

טייערער ברודער, זיי מיך ניט מקנא.
איך וואוין אין פלעטבוש,
(אַזאַ רייכע און אַ פעטע געגנט.)
איך האָב אַן אייגן הויז
מיט אַ זון־פאַרלאָר.
און אַ ווייב האָב איך
און קינדער האָב איך אויך.
און מיר איז גוט, אַזוי גוט.
איך האַנדל מיט הייזער און מיט לאַנד
(יעדע ווערשקע מעסט מען דאָ מיט גאָלד.)
און יעדן טאָג האַלט איך נאָר אין איין מאָנען דירה־געלט.

מיין אייגן הויז איז רייך און שיין.
די קיך מיינע איז אויסגעקלעפּט מיט סיראַמעס
און העכער האַלב מיט ווייסע קאַכליעס.
אַזאַ ליכטיקייט, אַזאַ ווייסקייט.
אינמיטן קיך זיצט מיין ווייב,
מיין פעטע ווייב,
מיט רויטע אָנגעפאַרבטע באַקן.
דאָס בענקל סקריפּעט אונטער איר
און ס'הענגען אַראָפּ גאַנצע שטיקער פלייש.
זי רוקט די הייסע קנישעקלעך אין מויל
און ווישט דעם שווייסיקן שטערן.
אינדרויסן איז אַ שטאַרקער פראָסט,
נאָר אין הויז איז וואַרעם, אַזוי וואַרעם.
(זי האָט מורא פאַר אַביסל פרישע לופט,
מיין פעטע ווייב.)
זי זיצט און עסט און קרעכצט
און רעדט וועגן דעם
וואוהין צו פאָרן קומענדיקע וואָך,
קיין לייקוואוד אָדער גאָר אין אַטלאַנטיק דער שטאָט.

דאָרטן איז איצט אויך זומערדיק,
און דאָ פילט זי ניט גוט —
זי קרעכצט און רוקט די הייסע קנישעקלעך אין מויל.
ברודער מיינער, זיי מיך ניט מקנא.

אויסגעהונגערט איז אַוודאי יעדער אבר דיינער
און טעמפּ דער בליק אין דיינע אויגן,
און אָפּגעטויבט איז שוין דיין אויער צום ווידערקול פון טרייסט
נאָר דער זיפץ וואָס פאַלט אַ געשאָכטענער פון דיין מויל
און די פיינלעכע ווערטער פון דיין בריוו,
וואָס פאַלן ווי געסמטע שפיזן —
קאָנען מיין הארץ שוין ניט גרייכן —
זיי שלאָגן זיך אָן אין אַ פאַנצער פון שמאַלץ
און פאַלן ווי טויטע לעבן מיינע פיס.

ברודער מיינער, זיי מיך ניט מקנא.
צווישן מיר און דיר
ליגן זיבן ימים —
צווישן מיר און מיינע קינדער
ליגן וועלטן גאַנצע.
און ווי ס'איז מיר פרעמד
דאָס געפיל פון הונגער אַצינד,
אַזוי איז מיר פרעמד
מיין אייגן קינד,
מיין אייגן פלייש און בלוט.

צו דיר, אַז איך וויל,
קאָן איך קומען מיט אַ שיף;
צו מיינע קינדער,
אין מיין אייגן הויז,
קאָן איך קיינמאָל ניט קומען.
טייערער ברודער מיינער,
זיי מיך ניט מקנא.

ביים צייטונגס־קיאָסק

אַ ריזיקע האַנט
האָט מיך אויפֿן ראָג פֿון גאַס פֿאַרלוירן.
אַ מכשפֿה מיט אַ פֿאַרמעט פּנים
האָט אין אַ שוואַרצער נאַכט פֿון הינטערן פֿאַרקן
פֿון בית־עולם קללות געוואָרפֿן
און אויף דער וועלט צעזייט.

שטיי איך דאָ אַ פֿאַרלוירענער אויפֿן ראָג פֿון גאַס
און ווער עס גייט פֿאַרביי
און ווער עס האָט אַ האַנט מיט פֿינף פֿינגער,
און אין וועמעס הענט ס'זיינען נאָר פֿאַרזייט די קללות,
וואַרפֿט הויפֿנס קללות אין מיינע הענט —
קללות, קללות, קללות . . .

און ווי מען קאָן אַ שוואַרץ געווויסן ניט אָפּוואַשן, —
אַזוי קאָן איך ניט אָפּוואַשן דעם שטויב פֿון די קללות,
וואָס עסט זיך איין אין די די שפּעלטלעך פֿון מיינע הענט,
צעפּאַלענע פֿון ווינט.

ס'האָט אַ מכשפֿה מיט אַ פֿאַרמעט־פּנים קללות פֿאַרזייט
און איך, אַ פֿאַרשאָלטענער,
אַ פֿאַרלוירענער אויפֿן ראָג גאַס,
זאַפּ־איין אין זיך דעם סם פֿון אַלע קללות:
פֿענים, פֿענים, פֿענים.

דער שטאָפּעט

איך בין דער בליץ,
געשיקט פון עלעקטרישן שטראָם.
זיגזאַגיש שנייד איך זיך דורך אייער מאַרך,
און לאָז אייך אין פלאַמענדיקער קאָנוואולסיע.

איך ברענג אייך די בשורה פון לעבן,
איך ברענג אייך דעם אָנזאָג פון טויט.
ביי טאָג, ביי נאַכט אויף אייערע זיידענע געלעגערס,
פאַרוואָרף איך אומזיכטבאַרע פעדים
וואָס זויגן אייער בלוט מיט אָקטאָפּוס־אָרעמס
און פלאָנטער אייך אַריין
אין דעם אייביקן געררודער,
אין שטאָטישן וואַקכאַנאַליע־טאַנץ.

ווי אַ שלאַנג גליטש איך זיך איבער אייערע מאַרמאָרנע טרעפּ,
דריי זיך אונטער אייערע זיידענע דעקן,
און פאַרסם אייער האַרץ און מאַרך.
איך נייג מיין קאָפּ פאַר אייך,
צו פאַרדעקן דעם חוצפּהדיקן שמייכל
וואָס טאַנצט פאַרשייט אַראָפּ פון מיינע ליפּן.
איך, וואָס וואַג אייער שוועל ניט אַריבערצוטרעטן,
האַלט דעם שנור פון אייער לעבן אין מיינע הענט.

איך ברענג אייך די בשורה פון לעבן;
איך ברענג אייך דעם אָנזאָג פון אונטערגאַנג.

דאָס ליד פון נאַר און אָפּגענאַרטן

אָנגעשפּאַרט אין פּלויט,
דעם קאָפּ אַרויף פאַרריסן —
צוויי סילועטן שוואַרצע
אויפן פאָרהאַנגל
גיסן זיך צוזאַמען —
מיין האַרץ האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן.
ס'האָט ווער מיר מיט אַ שווערער זאַך
דערלאַנגט איבערן קאָפּ
און בייז באַפוילן:
לאַך!
לאַך, דו נאַר,
לאַך־אויס דאָס ליד פון נאַר
און אָפּגענאַרטן.
האָב איך זיך וויימוטיק
געדרייט
און קראַמפּהאַפטיק געלאַכט.
געלאַכט.
מיט מיינע נעגל
זיך אין האַרץ געריעט,
פּיצלעכווייז געריסן
און געלאַכט.
איך האָב געלאַכט,
איך האָב געלאַכט,
און אויסגעלאַכט דאָס ליד פון נאַר
און אָפּגענאַרטן,
דאָס ליד פון זיך אַליין. —

ס י נ אָ ר י ט אַ

סינאָריטאַ,
פון אונטער די זיידענע פרענזלעך
פון דיינע אויגן
בליצן־אַרויס צוויי־זייטיק געשאַרפטע סטילעטן.
מיט דיינע האָר,
וואָס פאַלן אַרונטער, ווי אַ שוואַרצע נאַכט,
אַרום דיין קאָפּ,
פאַרשטעלסטו דעם שענסטן זון־אונטערגאַנג
איבער גרין־כוואַליעדיקע פעלדער.

סינאָריטאַ,
ווי גראַציעז צערטלט זיך דער לייכטער שאַל
פון דיין טאַליע איבער דיין אַקסל.
סינאָריטאַ,
שוואַרץ־זוניקע טאָכטער פון סיציליע,
איך ווייס ניט דיין נאָמען,
איך פאַרשטיי ניט דיין שפּראַך,
אָבער בלוט האָב איך — הייס און זודיק!
זודיקער פון ניט־געצוימטע כוואַליעס.
און פאַר דיר, סינאָריטאַ,
בין איך גרייט אין אַ סטילעטן־געפעכט זיך צו פאַרמעסטן
מיט גרעסטן פעכטער פון סיציליע.

איך בין דער קאַפּריז

איך בין דער קאַפּריז,
וואָס איך האָב מיר אויסגעחלומט
אין די רויט־ראָזע נעכט
אין מיינע בלויע חלומות.
מיינע דריי־און־צוואַנציק זומערן
ברעכן זיך אונטערן האַמער־קלאַפּ פון מיין האַרץ,
ווי דאָס אייז־הייטל אונטער שווערע טריט.

מיינע דריי־און־צוואַנציק יאָר
ציען זיך פויל־מיד.
אונטערן שאָטן פון מיינע ברעמען,
הינטער דעם לייכטזיניקן שמייכל אויף מיין פּנים
פּאָכעט דער שוואַרצער פליגל פון טויט.
די געדאַנקען מיינע,
טיפע וואָרצלען פון אַן אַלטן בוים,
זיינען נאָך ווילדער פון מיינע ווילדע האָר אויפן קאָפּ.
אין די בלוי־גרינע היילן פון מיינע אויגן
קנוילן זיך גיפטיקע שלענג,
איינגעהילט אין שאָטנס פון מיינע טרוימען.

די שווערע דיכטער־קרוין
האָט נאָך קיין האָר אויף מיין קאָפּ ניט אויסגעבויגן —
און דער סצעפּטער
איז בלויז אַ שפּיל־שטעקעלע
אין די הענט פון מיינע דריי־און־צוואַנציק פרילינגען.

לאָנדאָן

פרימאָרגן
ליגט דער נעפּל איבער לאָנדאָן,
ווי אַ טונקעלער וואַל
איבער דעם בלייכן פּנים פון אַ יונגפרוי.

די „לאָנדאָן-בריק"
ליגט אויסגעצויגן ווי אַ הונט,
און די שיפן אַרום
צערייסן דעם וואַל
און רעווען, ווי ניט-דערקווילעטע אָקסן.

פון הינטער די פאַרנעפּלטע שויבן
קוקן אַרויס די עלעקטרישע לעמפּלעך,
ווי די פאַרזשמורעטע אויגן פון אַ מיידל
אויפן שוים פון איר געליבטן.

איבער די מאַטע ליכט-פּאַסן
אויפן נאַסן אַספאַלט
דרייען זיך רעגנשירעמס
שוואַרצע רעגנשירעמס
און אַלע גייען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ,
ווי אבלים נאָך אַ טויטנוואָגן.

נאָענט, ביי דער בריק,
שטייט דער „לאָנדאָן-מאָנומענט",
ווי אַ שטומער וועכטער אויסגעצויגן,
און אין נעפּל קוקט ער אויס
ווי אַ לעגענדאַרישער טורעם
פון אַ טערקישער פעסטונג.

„ביג בען״ אויפן הויכן טורעם,
מיטן קאָפּ אין די וואָלקנס,
קלינגט־אוים די שעהן
אין די הויכן,
און די קלאַנגען צעפּיצלען זיך
אין דער נידער
און ווערן פאַרשלונגען
פון גרויען טומאַן,
וואָס לאָזט ניט אַדורך
די זוניקע שיין.

אַלע חלומען מיר

אַלע חלומען מיר דעם אייגענעם חלום.
אַעל בויען מיר דעם אייגענעם טורעם.
און ברייט און הויך איז ער.
און אייזן־שטאַרק איז ער.
מיט גרויסן פאַרנעם.
מיט ריזיקן שוואונג

און קרייצן זיך אונדזערע וועגן
און שיידן זיך אונדזערע וועגן —
אַלע ציען מיר אַהין —
צום זוניקן טורעם,
צ׳ים ליכטיקן טורעם.

יעמוד, רב משה

אינמיטן טאָג,
אינמיטן טאָגיקן גערויש:
— יעמוד, רב משה ברב שלמה,
אַריין אין קאָן!

אַ קעלישאָק בראָנפן צווישן פינגער־ביינדלעך,
אַ לויב צום בורא,
דריי מאָל אַ שפּרונג:
קדוש,
קדוש,
קדוש!

דערנאָך —
ביינער־הענט אויף ביינער־הענט פאַרוואָרפן,
פּיסקנאָכן פאַרריסן
און הײדאַ — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

דער פּאָעט

געדאַנקען־בליצן
האָט ער אין שטריק געפלאָכטן,
און ווי אַ טויכער
זיך אַראָפּגעלאָזט
אויפן אָפּגרונט פון זיין האַרץ.
ער האָט פולע הויפנס פּערל אָנגענומען
און געוואָרפן אין די גאַסן.
קלוגע מענטשן האָבן זיי צעקאָפּט
און שפּאָטיש געשמייכלט איבער אים:
„ווי ס'וואַרפט דער נאַר זיך מיט זיינע פּערל".

אויפֿן אָמניבוס דורך דער סובורביאַ

איינגעדרימלט, איינגעליוליעט,
שטייען שטיבלעך אויף די וועגן,
שווימען־אויף אין בלויען אָוונט,
קומען היימיש דיר אַנטקעגן.

גריסט זיי, ווינטשסט זיי —
לעבט אין פֿרידן,
לעבט אין פֿריידן,
קריסטן, יידן.

לעבט אין שלום,
אַלע ראַסן,
הערט־אויף שעלטן,
הערט־אויף האַסן.

נאָענט, פֿריינטלעך
אַלע היימען —
איר זאָלט קיינעם
ניט פֿאַרשעמען.

שווימען שטיבלעך דיך פֿאַרביי,
שטילע, מידע טויבן —
פֿרידן, פֿריידן אַלעמען
ווינקען־צו די שויבן.

דאָס ליד פון מיין טאַטנס תורה־לערנען

פאַרטאָג.
ווען די שוואַרצע פענצטער
פאַרבן זיך אויף בלוי
איז די וועלט אַ לויטערע.
איז דער מענטש אַ לויטערער.

פאַרטאָג.
אַז די שוואַרצע פענצטער זיינען בלאָ געוואָרן,
פלעגט מיין טאַטע אויפשטיין לערנען תורה —
פלעגט מיין מאַמע אויפשטיין הערן תורה —
אַז איך מאַך אַן אומעטיקער מיינע אויגן צו,
זע איך:
דער טאַטע זיצט ביים גרויסן טיש.
די רעכטע האַנט אויפן קלוג־שאַרפן־שטערן,
די פינגער פון דער לינקער האַנט
חיותן זיך אין זיידענער ווייכקייט
פון דער בלאָנדער באָרד.

פאַר אים די גרויסע גמרא,
די בלעטער מיט ליכט־חלב פאַרשמעלצט,
מיט געלקייט פאַרפלעקט
(דער גאַנצער קוואַל טרערן
פון זיידן ישראל־לייבס אויגן
האָט זיך אין זיי אַריינגעוויינט.)
און די לעדערנע טאָוולען זיינען נאָדלדיק צעשטאָכן
פון קריכנדיקן מאַיל.
אַרום קליינעם לעמפּל, אויפן גרויסן טיש,
ציטערט אַ רעגנבויגנדיקער אָרעאָל,
שטעכט זיך דורכן טאַטנס אויגן־לעדלעך
און פינטלט בלוי־שוואַרצע פלעקן
אויף די קליינע אותיותלעך פון רש״י.

אַ ציענדיקער ניגון

בעט זיך שטיל אַרויס פון טאַטנס מויל,
בויערט זיך דורך דער טיר
און ציטערט־אויף
אין מיין מאַמעס פריידיקער נשמה.

פאַרוויגט פון טאַטנס בעטנדיקן ניגון
ליג איך אויף דער סאָפע, ביי דער וואַנט,
פינטל מיט די אויגן
און קאָן זיי ניט אָפּרייסן פון אַרעאָל,
וואָס פלאַטערט מיט אַלערליי פאַרבן
אַרום קליינעם לעמפּל —
בלוי און שוואַרץ, און שטערן־ליכט
פינטלען פאַר די אויגן.
אין קיך איז טונקלדיק און אומעטיק.
אונדזער משרת יאַנקל
בלאָזט מיט זיין שטיוול אויף דעם סאַמאָוואַר —
דאָס וויגנדיקע רויטקייט אויף דער וואַנט
ציטערט רויטער און ליכטיקער.

ער וואַשט די גלעזער אויס.
און אַז די הייסע טיי אין גלאָז
קוקט אויס ווי שפּילנדיקער וויין,
נעמט די מאַמע אַרויס די גלאָז
פון יאַנקלס האַנט
און טראָגט זי דעם טאַטן צו.
דער טאַטע לייגט די טערקישע פּאַטשיילע
אויף דער אָפענער גמרא
און בעטנדיק הייבט ער די אויגן אויף:
— ריסל, אי... נו, יאַנקל? —
שמייכלט שטיל מיין פרומע מאַמע,
לאָזט צנועתדיק אַראָפּ די אויגן:
— שלמה... איך וועל משמש זיין אַ תלמיד־חכם.
און שאַרט זיך שטיל אַוועק.

דער טאַטע עפּנט מיט אַ קנאַק
דאָס שיפּלדיקע טאַבאַק-פּושקעלע,
ציט פון בײדע פינגער אין נאָז אַרײַן
אַ בערגל ברוינע טאַבאַק
און טרײסלט אָפּ מיט דער טערקישער פּאַטשײלע די גמרא —
דאָס רעדל אַרום לעמפּל ווערט גרעסער,
פאַרביקער און רונדער,
און פרײלעכער קלינגט דעם טאַטנס ניגון:
— אוי, תנו ר־ב־נ־ן — — —
דער מאַמעס אויערן אונטער דער טיר
זאַפּן אײַן ווי אַ שוואָם די זיסע טענער —
צעקוועלט זיך איר האַרץ
און די פרייד גייט אַריבער די ברעגן
פון אירע שײנענדיקע אויגן.

בעלץ, מיין שטעטל

ס׳ברעכט דער פרילינג דאָס אייז פונעם דיענסטער,
די רויטע אַרמיי — דעם קאָרק פונעם פיינט.
אַ פריידיקע בשורה האָט מאָסקווע צעשאַלט:
די ערד פון בעסאַראַביע אַ פרייע איז היינט.

ס׳פלאַטערט מיין האַרץ מיט פרייד פון מאַי.
בעלץ, מיין שטעטל, איז אויך שוין פריי.
ס׳האָט פרילינג באַפרייט מיין שטעטל פון שניי;
פון שונא באַפרייט האָט די רויטע אַרמיי.

בעלץ, מיין שטעטל, איז אויך שוין פריי.
מיין בענקשאַפט צו דיר געווען איז פאַרלאָשן.
שווער זאָל די ערד זיין דעם קאָפּ ניקאָלאָס —
דו גייסט מיר אַנטקעגן מיט שפע פולע קוישן.

רחבותדיקע, שפעדיקע בעסאַראַביע,
פאַרשיכורט מיט ריחות פון פאַרכלינעטע סעדער.
אויפן ברעג פון טאָג פאַרגייט די „דאַינע״ פון „טשובאַן״
און די שניטערס בענקענדיקע לידער.

עד, איז דאָס געווען אַ לעבן אין מיין בעסאַראַביע —
מיין שטעטל האָט שטענדיק געשמעקט מיט רייפן זומער.
פון אַלץ האָסטו געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט,
מיט פרייד פון געבן, ווי אַ גוטע מומע.

די זומערן האָבן די מערק באַלאָדן מיט שפע,
מיט רייפע רונדע אַרבוזן, אויפגעטורעמט ווי פּיראַמידן,
מיט דיניעס צאַרטע און גלאַט ווי מיידל-באַקן.
איך הער נאָך איצט די פאָווידלע אין קופּער-קעסלען זידן.

די יאַרידים זונטיקדיקע, מיט פּויערים און יידן,
מיט פּאַטשערקעס און קרעלן און בעטלער־לידער,
מיט פערד און קי און קעלבלעך און שאָף —
ווי ערשט נעכטן זע איך עס ווידער.

די מערק פאַרכלינעט ביז ווערעך און אַריבער,
מיט גרינסן און פּרוכטן, מולטערס און לייטערס,
און דישעלעס און יאַרמאָס, שמעקנדיק מיט לייב פון בוים נאָך,
און פּאַטלאַזשאַנעס בלויע ווי פּולע אייטערס.

איך הער דאָס ריטמישע קלאַפּן פון מאַזאָליעטע הענט
פון הערש־בער און סטעפאַן ביים „פּאַרקלאַפּן" דעם מקח;
דאָס טרויער־ליד פון בעטלערס לירע —
און איך פיל דעם טעם פון באַבעס האָניק־לעקאַך.

איך זע די פּויערשע פערדלעך
פאַרזונקען אין בעלצער בלאָטעס.
דאָס גאַנצע שטעטל שטעקט אין שטייוול
און האַלט פאַרהויבן די קאַפּאָטעס.

צווישן אילוזיאָן און די הילצערנע קלייטלעך
איז זונטיק געלעגן די פרייד.
די פּאַראָבקעס, דינסט־מיידלעך און פּויערים
האָבן מיט סאָלניטשניק די גאָס פאַרשנייט.

זוניקע בעסאַראַביע, שוואַרץ־זאַפטיקע ערד,
באַשאָטנט פון רויב־פויגל, פון צאַריסטן
פאַרגוואַלדיקט, געשענדעט פון פאַרשוועכטע הענט.
פאַרמאַרעט פון רומענישע פאַשיסטן.

ס'האָט פרילינג באַפרייט מיין שטעטל פון שנײ.
פון שונא באַפרייט האָט די רויטע אַרמײ.
ס'פלאַטערט מיין האַרץ ווי די פרייד אין מאַי.
בעסאַראַביע, מיין פרילינג, איז פריי.

איך געדענק . . .

איך געדענק די בעסאַראַבער פעלדער
מיט די גאָלדענע ווייצן.
איך געדענק די רחבותדיקע לאָנקעס,
וואָס די זון פלעגט פאַרפלייצן.

איך געדענק די שמעקנדיקע סעדער
מיט זאַפטיקע פרוכטן באַלאָדן.
איך פלעג גנבנען שטיקלעך פרייד,
ווי אַ נאַשער שטיקלעך פלאָדן.

איך געדענק דעם מעליקן וועג,
וואָס שלענגלט זיך אַרויף באַרג,
און רייען וועגענער מיט פעסער וויין
קלעטערן אויף זיין גרינעם קאַרק.

דער באַרג קושט דעם האָריזאָנט,
באַדעקט מיט הרודעס לעשנדיק פייער,
און די לעצטע שטראַלן פון דער זון
גוססן אויף מיקיטעס שייער.

איך געדענק דעם חושכדיקן חדר
מיט דעם האַרבן רבין, רב אבא,
זיין גרעסטער פאַרגעניגן אַ שמעק טאַבאַק
און חלומות פון שור הבור און עולם־הבא.

מיט צוויי פינגער גלאַטיקע, פלעגט ער פאַרקלעמען
אַ שטיק קינדיש באַק, ווי מיט אַ שאַרפער שער,
ס'האָט יינגליש לייב אויפגעצאַפּלט אין ווייַ
און אויף בלאַט פון דער גמרא געפאַלן איז אַ טרער.

שבת פאַרנאַכט פלעגט באַפאַלן מיך אַ מורא פאַר דער וואָך,
פאַרן חדר מיט דעם רבין, דעם האַרבן.
איך געדענק זיך אַ פאַרחלומטן אין בין השמשות
פאַרכישופט פון קאָלירן, וואָס די זון פלעגט פאַרבן.

איך געדענק מיין שטעטל בעלץ, אין בעסאַראַביע,
און דעם טעם פון רויטע רעטעכלעך מיט קעז.
דעם בלוילעכן טוי אויף די זאַפטיקע פלוימען
אוןביימער באַשיינט מיט צעלויכטענעם בעז.

איך געדענק מיין אומעטיק שטעטל אין תשעה באב.
אויף איבערגעקערטע שטענדערס — יידן אין זאָקן,
זיי וויינען אויפן חורבן בית המקדש,
און יינגלעך וואַרפן בערלעך .) אויף מיידלשע לאָקן.

איך געדענק מיין פריידיק שטעטל מיט צעלויכטענע יידן,
מיט פאַרהויבענע קאַפּאָטעס פירן צאַן קדושים צו דער תורה.
די פענצטער פון בית מדרש האָבן די נאַכט צעצונדן
און יידן האָבן פאַרלאָרן אַ ווײַלע די מורא.

איך געדענק די מורא פאַר פּאַגראָמען אויף יידן,
פאַרן רשע דעם פריסטאַוו, דעם הערשער פון שטעטל,
ס'איז זונטיק, ס'איז מאַרק-טאָג, ס'איז בטחון, ס'איז שרעק,
און הערש-בער מיט אויגן צום הימל אויף שוועל פון זיין קלייטל

איך געדענק אַ מיליטערישע לוויה.
דעם רוף: אַרונטער די היטלען!
יידן שאַרן זיך ביי די ווענט פון די קלייטלעך,
און ציטערן פאַר די גלחים מיט די מאָדנע קיטלען.

איך געדענק מיין שטעטל בעלץ, אין בעסאַראַביע,
אין אַנגסט און שרעק — די צאַרישע מגיפה.
איך בין געלאָפן פון מיין שטעטל
מיט ווילד געוואָי, ווי אַ חיה פון אַ שריפה.

• • •

טראָפּנס פרייד און עמערס צער
ליגן אין טיש-קעסטל פון מיין זכרון.
עס בענקט זיך מיר נאָך מיין שטעטל,
נאָר ניט נאָך יענע יאָרן.

.) שטעכעלקעס.

מדבר

ע־סענקאַרי

עס גיט קיינער ניט קיין רו
דער נאַכט און מדבר דאָ:
שאַקאַלן שלינגען שטיקער נאַכט אַריין
און וויינען זיי אַרויס.
פייער־צונגען פאַרלענדן שטיקער נאַכט
און ברענען לעכער אין איר אויס.
און די באַנדעס אַראַבער אַרום,
פאַרשרייען זי און פאַרקלאַפּן זי
מיטן מאָנאָטאָנעם פּליעסק פון הענט
צום טאַקט פון ציענדיקן ליד:
„קאַם לי־לי,
קאַ־אַם יאַם".
ע־אָ־ע, אָ־ע־ע.
— ווער בויערט עס דאָרט אַ ניגון אין דער נאַכט?
— ווער טאַנצט דעם טאַנץ פון נאַר?
— יעלא, יעלא,
— ע־סענקאַרי.

די פייערצונגען טאַנצן פריילעך.
איבראַהים נאָך פריילעכער.
אַ פּאַפּירן מיצל אויפן קאָפּ,
דעם בויך אַרויסגעשטעלט,
די הענט ווי צוגעטשעפּעטע,
די צונג אַרויס,
די אויגן אויסגעגלאָצט.
מאָנאָטאָנער פינגער־קלאַפּ
אויף אָריענטאַלישע פּיקלעך.
ווילדער געלעכטער און געשרייען:
אָך, אָך — אָך, אָך — אָך, אָך!

הענט געפֿליעסקעריי
און פֿייערדיקע פֿינגער פֿון אָרום:
— מאַגנון, מאַגנון.
ניין, ניין,
די שאַקאַלן וועלן שוין ניט איבערוויינען,
דער ניגון וועט זיך שוין ניט דורכבויערן.
די פֿייערצונגען טאַנצן פֿריילעך,
איבראַהים נאָך פֿריילעכער.

מיינע געצעלטן

מיינע געצעלטן האָב איך פֿאַרלאָזן.
די גאַנצע מדבר האָב איך דורכגעוואַנדערט.
ניטאָ קיין זעמדעלע אין ראַפֿאַ,
וואו איך האָב מיין שטערן ניט אָפּגעקלאַפּט.

אין מיינע תפילות צום אַלמעכטיקן אַללאַ
האָב איך מיינע אויגן אויסגעוויינט —
האָב איך דאָס זאַמד מיט בלוט געפֿלעקט.
נאָר דאָס געוויין פֿון די שאַקאַלן איז שטאַרקער
פֿון מיין געוויין. —

די גאָלדענע זעמדעלעך האָבן זיך געחברט
און מיינע טרערן פֿאַרדעקט.
די מדבר־ווינטן האָבן פֿון מיינע ליפּן
די תפילות אַרויסגעריסן
און אויף אַלע זיבן ימים צעטראָגן;

האָבן די ימים מיינע תפילות,
ווי דאָס שטויב פֿון זינדיקן,
אויף דער גאָרער וועלט צעטראָגן.
האָט אַללאַ מיין געבעט ניט פֿאַרנומען,
און ראַכאַמאַ, צו וועמען מיין האַרץ גלוסט,
האָט מיין שטים ניט געהערט.

זיבן וועגן

זיבן וועגן האָט דער מדבר,
זיבן פֿאַרלאַנגען האָט מיין האַרץ.
וועל איך וואַרטן ביז די זון וועט אונטערגיין.
ביז איך וועל מיין שאָטן שוין ניט זען.

און צוזאַמען מיט די שאַקאַלן,
וואָס קומען אַן פֿון אַלע זיבן וועגן,
וועל איך מיין שטים לאָזן הערן.

מיין שטים אויף אַלע זיבן וועגן —
וועלן מיינע אויגן אויסרינען פֿון טרערן,
וועט מיין האַרץ מיט די זיבן פֿאַרלאַנגען
אויסגיין אויף אַלע זיבן וועגן.

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

זיבן וועגן האָט דער מדבר.
זיבן פֿאַרלאַנגען האָט מיין האַרץ.

אונטער גיהנום פֿייער־צונגען

א.

אונטער גיהנום פֿייער־צונגען,
אויף אָנגעגליטן גאָלדשטויב,
גליט מיין לייב.

די בליקן,
גאָלדענע שפּיזן
וואָס שפּריצן מיט פֿייער.

מיין גומען,
אַ געל־געקאָרטשעט בלעטל,
ביי די פּיס פֿון האַרבסט.

די הענט,
שלאַנגען ציען זיך קעגן דער זון,
און זשופּען מיט די פֿינגער !

דאָס מויל,
אַן אויסגעטריקנטער טייך.

„אָך, אָ אַללאַ,
מאיע פֿאַר דיין קנעכט".

ב.

ווי אַ פּגר פֿון אַ פֿאַרטריקנטער יאַשטשערקע
קאָרטשעט זיך מיין לייב.
עס קריכן שוין די מוראַשקעס אויף מיר.

און מיט אַמאָל —
אויפֿן אָנגעגליטן שפּינוועב,
זילבער כוואַליעס אונטער גרינעם שאָטן.
ראַכאַמאַ מיטן קרוג אויפֿן קאָפּ.
רעגנבויגן פּערל פֿאַלן פֿונעם קרוג.

ביים איך מיטן לעצטן ביסל כוח מיינע הענט,
און לעק דאָס לעצטע ביסל בלוט אַראָפּ.
אָבער די שלענג קענען שוין ניט זשיפּען,
און די צונג איז שוין אַ שטיקל בליי.

עס איז אַלעס שוין פֿאַרטריקנט,
און מיטן לעצטן ביסל כוח
אָטעמט אויס מיין אָטעם:
מ — א — יע — —

איבראַהימס טויט

איבראַהים קלאַפּט זיין שטערן אין זאַמד.
און אַז די זון פאַלט אַרונטער אין ים —
און דער בער מיט שוואַרץ-האַריקע לאַפּעס
לייגט זיך אויף דער מדבר;
ע-אַ-ע.
ע-אַ-היי.

— ווער הערט דאַן איבראַהימס געשריי?
אַז טויזנטער שאַקאַלן האָט די מדבר-נאַכט
און ווי טויזנטער קליינע קינדער וויינען זיי;
— ווער הערט דאַן איבראַהימס געשריי?
איבראַהים האָט אַ האַרץ
מיט פייער-פול — צום פּלאַצן;
— וואָס זאָל ער טאָן?

מיט ביידע הענט רייסט איבראַהים זיין ברוסט.
מיט זיין געשריי רייסט איבראַהים די נאַכט.
מיט רויטן בליאַסק רייסט זיין האַרץ די נאַכט.
די שוואַרצע נאַכט.

די שאַקאַלן האָבן היינט אַ סעודה פון האַרץ,
רויט האַרץ,
בלוטיק האַרץ.

און ווער וועט איבראַהימען באַוויינען?
די שאַקאַלן וועלן אים באַוויינען.
ווי טויזנטער קליינע קינדער
וועלן זיי אים באַוויינען.

דער ווינט האָט די שפּורן פאַרשאָטן,
דאָס זאַמד האָט די פּאַרעם געביטן.
וואָס-זשע וויינען די שאַקאַלן אַלע נאַכט? . . .

נאָכן שניט

— א קבר,
מיט א צלם פון קאָנסערוון-בלעכלעך געמאַכט.
— א קבר,
מיט א מייז-צעגריזשעט ברעטל:
"Unknown sailor found by the sea."

די באַפּאַנצערטע האַנט
האָט יאָרן לאַנג געזייט.
האָט די ערד
די שפּראָצונגען אַרויסגעגעבן;
נאַכלעסיק צעוואָרפענע קברים,
אויף די געלע פעלדער פון ראַפאַ,
ביי די ברעגן פון פאַלעסטינע.

ס'האָט פריער דער ווינט
די פאָרעם פון זאַמד-בערג געביטן,
שפּעטער האָט ער ווילד געטאַנצט א וויכער-טאַנץ:
איצט ליגט דער ווינט א מידער אויף דער ערד.
זאַמלט מען די תבואות אין די שייערן.

אַט קומט דער קאַראַוואַן אין גרויען איינגעהילט.
ברוינע קני בייגן זיך ביי די קברים
פון דער געפּאַנצערטער האַנט צעזייט.
די הויטן פון דער ערד שיילן זיך.
באַלד וועט א ברודער-קבר זיך טיילן אין צוויי:
שוואַרץ
און ווייס.
און מגן-דודס, און צלמים, און האַלבע לבנות,
וועלן טאַנצן א טויטן-טאַנץ.

ס'האָט דעם פון דער געפּאַנצערטער האַנט
אַ בראַטן-פליַיש פאַרשמעקט,
וויקלט מען דאָס פליַיש, פאַרפּוילט און צוגעברוינט
אין וויַיסע ליַילעכער.

• • •

ציט זיך שטיל דער געלער קעמל-קאַראַוואַן.
פון ביידע זיַיטן, פון די הילצערנע זאָטלען
וויגן זיך די וויַיסע מומיעס
איַינגעשלעפערט אין מאָנאָטאָנעם ליד
פון די קעמל-טריַיבער
און קאַראַוואַנען גלעקלעך.
דין-דין.
דין-דין.
דין-דין.
דין-דין.

• • •

די זון הינטערן באַרג.
דער הימל —
רויט.
קופּער, גאָלד
און פיַיער גלאַנץ.

לעשט ער זיך —
איז ער מיט אָפּגעלאָשענע שטיקער איַיזן אָנגעוואָרפן.
האָט דער הימל זיך אינגאַנצן אויסגעלאָשן —
איז די פינצטערניש מיט מעסער צו שניַידן.

ווי טויזנטער קליינע קינדער
וויַינען די שאַקאַלן אין דער נאַכט אַריַין.

ביַי די אָפענע קברים
שטייט אַ יונג, דעם קאָפּ אַרויף פאַריסן
און וויַינט שטיקער האַרץ אַרויס.

קאַירא

אינמיטן דער מדבר
אין אַ גאָלדענער ראַם,
ווי אַן אויסגעניים בילד
אויף אַ געלבלעכער קאַנווע —
אויפן שפּינוועב פון גאָלד־שטויב
באַווייזט זיך קאַירא.
דער שמעלץ־טאָפּ,
וואָס שמעלצט ניט צוזאַמען.

קאַירא.
העכער פון דער שטילקייט אין דער מדבר
שרייט דער טומל אין קאַירא.
און העכער נאָך פון אַלעם
שרייען דאָ די פאַרבן.
און פאַלסטו אַריין אַ גאַסט אַהער,
הערן דיינע אויערן אַ געמיש פון שפּראַכן
באַגלייט פון וויינענדיקע אייזלען
און כאָרכלענדיקע קעמלען.

און פאַלסטו אַריין אַ גאַסט אַהער,
זעען דיינע אויגן אַ געמיש פון פאַרבן;
בעדואינער מיטן גאָלד־שטויב
אויף די פאַלדיקע אַבאַיעס.
טערקן מיט רויטע פעסן און זיידענע טראָלדן.
פרויען מיט פאַרשטעלטע פּנימער, ווי קרעציקע.
אַנדערע מיט גרויסע רינגען אין די נעזער
און פּיאַסטערס איינגעפלאָכטענע אין שוואַרצע האָר.
אַראַבער מיט לאַנגע העמדער
און רויט־געפאַרבטע נעגל.
פראַנטן מיט ווייס־געפרעסטע הויזן,
מיט העלם־היטלען — איבערגעקערטע שיפלעך
אויף זייערע קעפּ.

און פֿאַלסטו אַריין אַ גאַסט אַהער,
דוכט זיך דיר,
דו געפֿינסט זיך אויף אַ ריזיקן מאַסקאַראַד,
וואו מענטשן גייען אום פֿאַרשטעלט,
און באַלד וועט איינער אַרויפֿשפּרינגען
אויף יענעם מעטשעט,
לעבן סולטאַנס שיינעם פּאַלאַץ
און אויסשרייען:
— אָט יענער שטאָלצער בעדואינער־יונג
מיט דער זיידענער קעפֿיע
אין גאָלד־געשפּינטן אגאל אויפֿן קאָפּ,
קריגט דעם ערשטן פּריז.
ווילדער אויסגעשריי:
— יעלאַ!
— יעלאַ!
דערנאָך וועט אַ פּאַיאַץ אין אַ מיץ מיט גלעקלעך
פֿאַר דיר זיך טיף פֿאַרנייגן
און דיר אַרויסשטעלן אַ צונג.
— אַך, אַך, אַך!
— אַנטי מאַגנון!
— אַנטי מאַגנון!

די וואַזאַ

אין מיט פֿון דער שטאָט,
רואיק און זאַט,
געצערטלט פֿון דער ווייכער גומי
פֿון די רייכע עקיפּאַזשן —
ברייטע ליגן זיך די רייכע גאַסן.
און הינטער זיי
אָנגעוואָרפֿענע ווי בערגלעך מיסט
הינטערן פּאַרקן פֿון אַ רייכן הויף
ליגן די געסלעך פֿון דער וואַזאַ.

פֿון מיט פֿון דער שטאָט
שרייט אַרויס די רייכע זעט.
פֿון הינטער דער שטאָט,
שרייט אַרויס די גרויסע נויט.

דער טייוול ווייסט,
ווער ס'האָט די ווענט פֿון די הייזלעך אָפּגעריסן —
די אויסגעלאַסנקייט אין מיטן גאַס אַוועקגעשטעלט
און אירע לעצטע קליידער אַראָפּגעצויגן,
טיר און פֿענצטער אויפֿגעמאַכט
און לייב און לעבן אויפֿגעדעקט.
פֿרויען אויף די שוועלן אויסגעזעצט
מיט אויפֿגעדעקטע פּיס און בריסט
פֿון אַלערליי קאָלירן.
און אַלע רופֿן מיט די אויגן
און ווינקען מיט די לייבער
און מאַניען
און ציען
און רייסן.
און לאָזט זיך וואו אַראָפּ אַ לאָדן,
פֿאַלן קנאה בליקן אויף דעם לאָדן —
אַ קונה דאָרט פֿאַראַן —
און די הייזלעך ציען זיך
און ציען זיך
אין דער וואַזאַ פֿון קאַירא.

אויפֿן ברעג פֿון טאָג

דאָס געקלאַנג פֿון די קאַראַוואַן־גלעקלעך
שטאַרבט אָפּ אין דער ווייט.

אויפֿן ברעג פֿון טאָג גייט־אויס דאָס שוואַנען־ליד
פֿון פֿאַרבענקטן קעמל־טרייבער.

פֿון אונטער די זאַמדיקע בערג
גיט זיך אַ שטרעק אַ האַריקע לאַפּע —
ווערט נאַכט אין מדבר.

דער אָפּפּער־רויך פֿון נאָמאַדן־פֿייער
ציט זיך אַ ציטערדיקער צום הימל.
און דורך אויפֿגעריסענע העלדזער פֿון שאַקאַלן
גייט־אויף דאָס געוויין פֿון אַלע וועלטן.

נעכט אין מדבר

טיף־בלויע אַבאַיעס
מיט בליאַסקעדיק זילבער אויסגעשטערנט ;
נעכט אַזעלכע —
ווער האָט זיי אויסגעטראַכט ?

דעם אומעט, דעם שטילן,
מיט געצוימטע געשרייען
(ווי הינט אויף די קייטן),
דעם ניגון, דעם טרויער —
ווער האָט אַהער געבראַכט ?

פֿייער־פֿאַרלאַנגען
מיט צינגער פֿון שלאַנגען
פֿון וועלטן פֿאַרסמטע
אַהערצו אין מדבר פֿאַרוואָרפֿן.
אָהאָ . . . עסענקאַרי . . . און געלאַכט.

ראַכאַמאַ

א.

ראַכאַמאַ איז אַ מיידל —
אַ פּאַלמע אַ שלאַנקע.
מיט הייסע צוויי אויגן, ווי דאָס זאַמד אין דער מדבר,
מיט שאַרף־ווייסע ציינדלעך צווישן פלאַמיקע ליפּן.
מיט צוויי שוואַרצע צעפּ,
מיט זילבער מאַדזשעטעס געפלאָכטן,
וואָס בליאַסקען ווי פּערל אויף זיידענע שנורן.

אַבאַ־אַל־סאַלים איז אַ געבוויגענער זקן,
מיט ציטערדיקע הענט און האַלב־בלינדע אויגן,
מיט קעמלען און רינדער
און אַראַבישע שקאַפּעס,
און טעפּ אָנגעפילטע מיט גאָלדענע לירעס.

האָט ראַכאַמאַס טאַטע אַ שידוך געשלאָסן
און אַללאַס שיינקייט
אויף קעמלען און שקאַפּעס פאַרביטן.

איבראַהים איז אַן אָרעמער בחור,
צו ראַכאַמאַן — אַ פּאַלמע אַ צווייטע.
זיין גאַנצער פאַרמעגן —
די פאַרבאָרגענע ליבע.
זיין איינציקע גלוסטונג —
ראַכאַמאַן אין צעלט ביי זיך האָבן
און רייטן מיט איר אויף זיין איינציקער שקאַפּע
און זאָל זיין געבענטשט אַללאַ און זיין נביא.

האָט אַבאַ־אַל־סאַלים אין צעלט ראַכאַמאַן
און איבראַהים אין זיין האַרצן די ליבע.
קאָן איבראַהים פון זיין ליבע ראַכאַמאַן ניט זאָגן —
וויינט ער זי אוים צו די שאַקאַלן ביינאַכט.

האָט איינמאָל ראַכאַמאַ דערהערט —

ב.

פון נאַכטיקן הימל איז איבראַהימס שטערן געפאַלן.
איז די בענקשאַפט פון הימל געפאַלן
און טיף אין זיין האַרצן געזונקען.
ציקלט זיך אין מדבר־נאַכט זיין גמראַדיקער ניגון.

ווער עס האָט ראַכאַמאַן ניט געזען,
דער האָט קיין שטאָלצע פּאַלמע ניט געזען.

ווער עס האָט ראַכאַמאַס שיינע אויגן ניט געזען —
דער האָט דאָס ליכט פון אַללאַ ניט געזען.

מאַכט ראַכאַמאַ אירע אויגן צו —
שטאַרבט די זון פאַר מיר.

קלאַפּן זיינע פינגער וויינענדיק איבערן טאַמבורין,
צאַפּלט זיין האַרץ זיך פון בענקשאַפט
און בעט זיך:
— קאָם לי־לי!
— קאַ־אַם יאָם!

ליגט ראַכאַמאַ, די אומרו אַליין, פאַרשטומט אין געצעלט
און דאָס האַרץ קלאַפּט־צו צום טאַקט
פון איבראַהימס פינגער אויפן טאַמבורין
און אירע ליפּן, צום טאַקט פון איבראַהימס
פרעגן שטיל און בעטן:
— קאָם לי־לי!
— קאַ־אַם יאָם!

טיפער פון דער מדבר־ליידיקייט איז זייער בענקשאַפט,
אומראיקער פון די פאַרבענקטע, וויינענדיקע אייזלען
איז זייער בענקשאַפט.
ציטערט מיט זייער אומרו — ים און מדבר.
— קאָם לי־לי!
— קאַ־אַם יאָם!

ג.

ווען עס ווײנען די שאַקאַלן בײנאַכט,
שרעקן זיך די פרויען אין די געצעלטן.
ווען עס ווײנען די שאַקאַלן בײנאַכט,
פרײט זיך ראַכאַמאַ אין איר געצעלט.

ווײסט ראַכאַמאַ —
צווישן די שאַקאַלן
איז איבראַהים אַ שאַקאַל וואָס ברענט מיט ליבע
און גליט מיט הײסן אָטעם.

גנבעט זיך ראַכאַמאַ פונעם אַלטן אַבאַ־אַל־סאַלים אַוועק
און שאַרט זיך שלענגיש פונעם צעלט אַרויס
און קומט צוריק אַ פלאַמיקע
און רוקט זיך פונעם אַלטן אָפּ
און גליט זײַן קערפּער פון דער ווײַט.

ד.

ווען די ווײַנטרויבן און די מאַנדלען
ליגן שוין אויף די שטאָטישע מאַרקן
און די שאַקאַלן זײַנען ווילד פון הונגער —
ווײ צו דעם,
וואָס קומט זײ אַ ניט־באַוואָפנטער אין וועג.
יענע צײַט איז דאָס געווען.
ראַכאַמאַס אויער האָט פאַרנומען אַ שאַקאַלן געוויין,
האָט דאָס האַרץ געצאַפּלט זיך פון פרײד.
און שטיל איז זי פון צעלט אַרויס — — —
מאָרגן איז ראַכאַמאַ שוין ראַכאַמאַ ניט געווען —

אַבאַ־אַל־סאַלים האָט זי באַקלאָגט אין דער הויך
אין מיטן טאָג
און ס׳האָבן אים נאָך צוגעהאָלפן די קלאָג־מוטערס פון כאַן־יונים.

נאָר איבראַהאַם האָט זי באַקלאָגט אין דער שטיל
אין מיטן נאַכט.
קיינער האָט אים ניט געהערט.
זיין געוויין האָט זיך אויסגעמישט
מיטן וואָיען פון די שאַקאַלן אין מיטן נאַכט.

ח.

דאָס איז דאָס ליד פון איבראַהים
צו די קלאָג־מוטערס פון כאַן־יונים:

קלאָג־מוטערס פון כאַן־יונים!
וואָס האָט איר זיך פאַרזאַמלט אויף מיין גרויסן בראָך?
וואָס קרייזט איר זיך אין רינגען
און וואַרפט צעווילדעוועטע שוואַרצקייט
איינע איבער די אַנדערע?
מיט אייער שפּיציקע רויטקייט,
מיט אייער שפּיציקע געשרייען
פלעקט איר און ציטערט־אויף
דאָס טאָג־גרוי,
דאָס ציטערדיקע שטילקייט,
די פאַרבאַהאַלטענע שרעק
אין די שאַקאַלן־נאָרעס.

וי־לי, וי־לי!
קלאָג־מוטערס פון כאַן־יונים!
דורך אייערע פייכט־פאַרוואָלקנטע אויגן
וועלן זיך אייערע גיפטיקע שפּיזן
אין הימל ניט אַריינשטעכן.
די חאַמסין־ווינטן
וועלן פאַרטראָגן אייערע קלאָגן.
די חאַמסין־רעגן
וועלן פאַרוואַשן אייערע טרערן.

טעג פון טרויער

אין ליכטיקן אָנדענק פון כאַשקע זאַמסקי,
מיין לעבנס באַגלייטערין,
אין משך פון 25 יאָר, אַן
איבערגעגעבענע לערערין,
אַ שיינע פערזענלעכקייט.

אין לאַנד פון טרויער

אין לאַנד פון טרויער
וויגט זיך מיין געמיט.
אַ ניגון נאָגט אין יעדן אבר,
ניטאָ קיין ווערטער צו מיין ליד.

מיינע אויגן, אין גליווער, אויף דעם רייטוואָגן,
וואָס יאָגט זיך ערגעץ מיט מיין פרייד,
ערגעץ ווייט, גאָר ווייט אַוועק,
אין די טיפן, אין די וויטן און פון קיינעם ניט באַגלייט.

ביסטרע פערד, בלוטיק הייסע, שוימיקע
לויפן, פליען אין אַ שטורעמדיק געיעג.
העי, וואוהין? שטעלט זיך אָפּ! קומט צוריק!
קיינער וואַגט ניט שטעלן זיך אין וועג.

אין לאַנד פון טרויער
וואַנדערט מיין געמיט,
אין לאַנד פון טרוימען
וואַנדערט-אום מיין ליד.

ווי גוט איז דאָס לעבן

גאָלד־בלאָנדע האָר
אויפן ליכטיקן וועג.
מיט אַ זוניקן שמייכל
באַגעגנסט די טעג.

און קומט ווער אַנטקעגן
דו בענטשסט : אַ גוט־מאָרגן !
און שטעלסט־צו אַן אַקסל
צו אַלעמענס זאָרגן.

און טרעפסטו אַ קינד,
לויכטן־אויף דיינע אויגן.
דאָס האַרץ גייט אַ טענצל,
דער צווייפל פאַרפלויגן.

דאָס גוטס פון דעם מענטשן
דיין לעבן באַהעלט —
„ווי גוט איז דאָס לעבן,
ווי שיין איז די וועלט״.

דו ביסט נישט געקומען

האָסט ליב געהאַט דעם פרילינג,
די פרייד פונעם שפּראָצן.
האָסט ליב געהאַט דעם זומער,
די פרייד פונעם וואַקסן.

האָסט ליב געהאַט דעם ווינטער
אין שנייאיקן קלייד,
נאָר געוואַרט אויפן האַרבסט
מיט אַ האַרץ פול מיט פרייד.

אין פאַרביקע קליידער געצירט
דער האַרבסט איז געקומען.
דער וואַלד האָט געזוניקט מיט פרייד,
נאָר דו ביסט ניט געקומען.

האָסט ליב געהאַט די מי,
די אַרבעט, דאָס טוען —
„בלויז נאָך דער אַרבעט
אַ פרייד איז דאָס רוען".

נאָר די אַרבעט אין שול
מיט פרייד און מיט פיבער,
מיט קינדער אַרום דיר
געווען איז דיר ליבער.

די שול איז שוין נייגעריק, אָפן,
אַלע קינדער זיינען געקומען,
און געוואַרט מיט גלי אין די אויגן —
נאָר דו ביסט ניט געקומען.

צו דער זון, צו דעם הימל

צו דער זון, צו דעם הימל,
צו דער ליכטיקער וועלט.
כ'גיי אַרום אויף די גאַסן
מיט מיין פּנים פֿאַרשטעלט.

אַ מענטש איז פֿון אייזן,
אַ מענטש איז פֿון שוים.
באַרירסט נאָר דאָס לעבן
און אוים — ביסט אַ טרוים.

דו קלאַמערסט זיך אין לעבן —
אין די נעגל פֿון טויט —
באַגעגנסט יעדן מאָרגן
מיט זאַלץ און מיט ברויט.

יעדער טאָג, אין דיין מי,
אין דער הילף צו דעם לעבן —
איז אַ בענטשונג דער וועלט,
איז די פֿרייד פֿונעם געבן.

צו דער זון, צו דעם הימל,
צו דער ליכטיקער וועלט.
דער וואָס קעמפֿט פֿאַרן לעבן —
דער איז מענטש, דער איז העלד.

אַ ל י י ן . . .

אַזוי פֿיל פֿריינט אַרום מיר,
נאָר דער עלנט באַגלייט מיך אַהיים.
ער טרעט ניט אָפּ פֿון מיין זייט,
ווי די קאָרע פֿון האַרץ פֿונעם בוים.

איך פֿאַרזיגל די טיר,
לאָז דעם עלנט פֿון יענער זייט שוועל,
און ווי נאָר איך דריי זיך אַרום —
ער איז דאָ מיט זיין הינטישער פֿעל.

ער שטייט איבער מיין קאָפּ —
דער ניט־געלאַדענער גאַסט.
ער לאָזט מיך ניט אָפּ
מיט זיין פֿיינלעכער לאַסט.

ראָזשינקעס מיט מאַנדלען

ע פ נ ט . . .

עפנט טיר,
עפנט טויער,
עפנט מויל
און אויער.

הערט דאָס יידיש לידל
פון מיין חבר יידל.

אלף, בית
און
ג י מ ל ,
לויטער
ווי דער הימל.

ליכטיק
ווי די שטערן,
זאָל דאָס
ליד זיך מערן.

ווי דאָס
זאַמד ביים ים, —
פול מיט חן
און טעם.

בערל לעקיש

בערל איז אַ לעקיש,
אוי, אַ לעקיש בער.
ער ווייסט ניט וואָס,
ער ווייסט ניט ווער.

פּסחביים סדר
שפּילט ער אין דריידל.
יהודה המכבי
איז ביי אים אַ מיידל.

פּורים עסט ער לאַטקעס
און ווינטשט אַ גוט יאָר.
ראש השנה, זאָגט ער, איז
מיט שבועות אַ פּאָר.

חנוכה גראַגערט ער
און שעלט מרדכיס נאָמען.
יום־כיפּור בענטשט ער
דעם גוטן נאָמען המן.

שלמה איז ביי אים
אַ טיפּש אַ גרויסער,
און ויזתא גאָר
אַ חכם, אַ ווייסער.

אַז מען שמועסט אַ לעקיש
איז ניטאָ וואָס צו רעדן:
ער פאַרשעמט טאַטע־מאַמע,
דער באָבען און דעם זיידן.

צי קען איך אַזאַ יינגל
מיט די אַלע זיבן זאַכן?
איך האָב אים אויסגעטראַכט,
כדי איר זאָלט קאָנען לאַכן.

דאָרט אין הימל

דאָרט אין הימל,
העט, העט הויך,
פֿליט אַן עראָפּלאַן
און שרייבט מיט רויך.

ווען איך וואָלט ווי ער
שרייבן קענען,
וואָלט איך געשריבן
צום פֿעטער בענין.

די קאַץ מיט די קעצלעך

עס האָט די ראַבע קאַץ,
אויף אַ גילדערנער טאַץ,
דערלאַנגט אירע קעצלעך
מילך מיט פֿלעצלעך.

האָבן קעצלעך זיך געוואַשן
און פֿון טאַץ גענומען נאַשן.
אָפּגעגעסן און געלאָפֿן
גלייך אין בעט זיך לייגן שלאָפֿן.

אַ גוטע נאַכט

די נאַכט איז ביי מיין פֿענצטער.
די מאַמע ביי מיין בעט.
— אַ גוטע נאַכט, מיין קינד.
איר האַנט מיין שטערן גלעט.

גיב איך איר אַ קוש
און מאַך די אויגן צו.
גיט זי מיר אַ קוש:
— שלאָף, מיין קינד, אין רו.

איך האָב ליב...

ווער ס'האָט ליב עפּל,
ווער ס'האָט ליב באַרן.
וואָס איך האָב ליב?
זאָל איך ניט אַרן.

איך האָב ליב ברויט.
איך האָב ליב זעמל.
נאָר מער פון אַלץ —
די קאַרשן פונעם ביימל.

די קאַץ האָט זיך געוואַשן

דער זומער איז אַוועק,
וועלן קומען פרעסט.
די קאַץ האָט זיך געוואַשן —
וועלן קומען געסט.

געסט וועלן קומען,
וועט זיין וואָס צו נאַשן.
איין זאַך איז שלעכט —
איך וועל זיך מוזן וואַשן.

פון וואַנען?

פון וואַנען נעמט דער בעקער
לעכער פאַר די בייגל?
פון וואַנען נעמט דער פישער
ווינט פאַר די זעגל?

פון וואַנען נעמט די אייזנבאַן
דעם פייף פאַר דעם פייפער?
פון וואַנען נעמט די פונקען
פאַר דעם שטיין, דער שלייפער?

אָט־די אַלע זאַכן
וואָלט איך וועלן וויסן.
אויב איר טרעפט זיי אָן —
לאָזט זיי פאַר מיר גריסן...

די ראַבע מיסעס הינדל

די ראַבע מיסעס הינדל
האָט געלייגט אַן איי,
און באַלד עס פאַרקויפט
פאַר פענעס צוויי.

גענומען די פענעס
און אַוועק אין קלייט,
דערלאַנג זיי דעם קרעמער
מיט שטילער פרייד.

— וואָס קאָן איך פאַר אייך טאָן,
ליבע מיסעס הינדל?
— אַביסעלע קערנער
פאַר מיסעס הינדל.

זי ליגט איצט ניט קיין אייער,
קאָן זי ניט פאַרדינען,
דערצו זיך נאָך פאַרקילט
אין מיצקע דרינען.

דער קרעמער מיטן בערדל
האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ
און געמאָסטן די קערנער
אין ערדענעם טאָפּ.

האָט אויסגעווישט אַ טרער
די ראַבע מיסעס הינדל,
גענומען די קערנער
און אַוועק צו מיסעס מינדל.

אַ הענדל—אַן עסקימאָסל

היפּ-היפּ-הורריי,
די הון האָט געלייגט אַן איי.
דאָס איי איז געפֿאַלן אין שניי
און געלעגן אַ חודש צוויי.

איז דער פֿרילינג געקומען
און דעם שניי צוגענומען,
און אויפֿן פֿעלד אינמיטן דרינען —
וואָס מיינט איר האָט מען געפֿונען?

ניט קיין בערל, ניט קיין יאָסל,
נאָר — אַן הענדל, אַן עסקימאָסל.
ניט קיין פֿליגל, ניט קיין פֿעדער,
ס׳האָט געוואונדערט זיך אַ יעדער:

אויפֿגעבויט פֿון אייז אַ שטיבל,
אָנגעטאָן אין גרויסע שטיוול,
מיט אַ פּעלץ און פֿוטער-היטל,
טרייבט זעקס הינט געשפּאַנט אין שליטל

און דער גרעסטער וואונדער איז —
כאַפּט גאָר פֿיש מיט אַ לאַנגער שפּיז
און שיסט גאָר ווייסע בערן,
און וויל פֿון קרייען גאָרניט הערן.

ס׳איז צום שטוינען און צום גאַפֿן,
אָט אַזוי האָט זיך געטראָפֿן,
אָט אַזוי איז עס פֿאַרלאָפֿן —
ווען איך בין געשמאַק געשלאָפֿן.

אַ פּאַרקערטע וועלט

אַלט איז בערל ניט מער ווי אַ יאָר אַכט,
נאָר אַ טבע האָט ער —
ער איז שטענדיק פאַרטראַכט.

אָט רייט ער אויף אַ שטעקן, ווי אויף אַ פערד
און אינמיטן דרינען —
ער שטייט שוין פאַרקלערט.

אָט לויפט ער,
אָט פליט ער,
די אייגעלעך גליען.
מיט אַמאָל —
בערל קוקט שוין ווי פייגעלעך פליען.

פון וואָס-זשע אַ שטייגער טראַכט
אַ בחורל פון אַ יאָר אַכט?
נאָר בערל ענטפערט ניט —
ער איז שטענדיק פאַרטראַכט.

מאַכט זיך אַ מעשה — אַ זומער פאַרנאַכט,
נו, לאָמיר זאָגן, אַרום אַ זייגער אַכט.
בערל מיט דער חברה
שפילן זיך אין פאַרק.

די מאַמע, דער טאַטע רוען אויף אַ באַנק
און בערל — אָט פאָרט ער רייטנדיק אויף אַ שטאַנג.
אָט קוליעט ער זיך דריי מאָל איבער,
אָט שפרינגט ער אַ פלויט אַריבער.
אָט קאַטשעט ער זיך אין גראָז,
אָט שפרינג ער ווי אַ האָז,
אָט בילט ער ווי אַ הינטל,
אָט יאָגט ער ווי אַ ווינטל.
די בעקלעך פלאַמען, די אייגעלעך גליען
און מיט אַמאָל —
בערל קוקט שוין ווי פייגעלעך פליען.

און פּלוצים — אַ קוויטש, אַ געשריי:
— געוואַלד, מאַמע, וויי איז מיר, וויי!
איז טאַטע-מאַמע אָנגעלאָפן:
— בערל, וויי, וואָס אַזוינס האָט געטראָפן?

— איר פרעגט וואָס ס׳האָט געטראָפן?
ס׳איז זיך נאָך קיינמאָל אַזוינס ניט פאַרלאָפן.

זעט — די וועלט האָט זיך איבערגעקערט —
אונטן איז דער הימל און אויבן — די ערד.

און אַלע גייען מיט די קעפּ אַראָפּ:
פון אויבן די פיס און אונטן דער קאָפּ.

אָט גייט דאָרט דאָס הינטל מיט די פיס אויפן הימל,
און אָט וואַקסט דאָרט אַרונטער פון הימל דאָס בלימל.

די ביימער וואַקסן מיט די וואָרצלען אין דער הויך,
און אָט דאָרט פון שטיבל פאַלט פון קוימען דער רויך.

דער גאַנצער פּאַרק הענגט פון הימל אַראָפּ,
און דו, מאַמע, שטייסט אויך מיטן קאָפּ אַראָפּ.

אוי, מאַמע, די וועלט האָט זיך איבערגעקערט:
פון אונטן איז דער הימל, פון אויבן די ערד.

צעלאַכט זיך דער טאַטע דאָס גרעסטע געלעכטער.
צעלאַכט זיך די מאַמע דאָס גרעסטע געלעכטער.
שאָקלט דער טאַטע צו מיטן קאָפּ,
שאָקלט די מאַמע צו מיטן קאָפּ:
אוי, בערל, קלוגנאַרל —
די וועלט איז ניט איבערגעקערט;
דאָס האָסטו זיך געשטעלט
מיטן קאָפּ אויף דר׳ערד.

פּאַלי דער פּאָפּוגאַי

פּאַלי, דער פּאָפּוגאַי,
שרייט פאַר דריי:
„בעקער! בעקער!
גיב אַ קרעקער!"

מאַכט דער בעקער:
„נאַר קרעקער, קרעקער,
אפשר וואָלסטו מיר דערציילט,
אַזוי, ניט געאיילט,
וואָס טוסטו אַזעלכעס אין דיין לעבן,
אַז איך זאָל דיר קרעקערס געבן?
גיי אַרבעט געפינען —
זע, ווי עס אַרבעטן די בינען".

„שאַ-שאַ מיט דיינע גליקן,
הער מיך אויף אָרומצושיקן", —
הייבט אויף פּאַלי, דער פּאָפּוגאַי,
אַ גרויס געשריי: —
„איך וועל זיך אַרויסלאָזן אויף דער וועלט,
וועל איך פאַרדינען אַ סך געלט,
וועל זיך עפענען אַ בעקעריי
און עסן פאַר דריי".

און פּאַלי האָט גענומען אַ צווייג פאַר אַ שטעקן,
אַ פּאָר קרעקערס אין אַ טיכל און פאַרבונדן די עקן,
און שטאָלץ ווי אַ העלד,
האָט ער זיך געלאָזט איבער דער וועלט.

איז ער געגאַנגען און געגאַנגען ביז ער איז געקומען
צו אַ פעלד באַדעקט מיט שיינע בלומען,
און די בלומען זיינען ריין, פון טוי געוואַשן,
און אויף זיי שטייען בינען און נאַשן.

מאַכט פּאַלי: „אָט דאָס איז די אַרבעט, די שווערע?
פאַר אַזאַ אַרבעט האָב איך אויך ניט קיין מורא".
האָט ער זיך געטאָן אַ הייב און אויף די בלומען אַרויף,
און גלייך געמאַכט צו זיי אַ סוף.
זיי האָבן זיך צו דער ערד אַראָפּגעבויגן,
און ווי טויטע זיך אויסגעצויגן.

האָבן די בינען אַ לאָז געטאָן זיך אויף אים מיט אַ זשומען:
„פון וואַנען האָט זיך דער גרינער פויגל אַהער גענומען?
ער מאַכט דאָך פון אונדזער שפּייז אַ חורבן —
מיר וועלן אַלע פון הונגער אויסשטאַרבן".

און די בינען זיינען אים פון אַלע זייטן באַפאַלן,
געשטאָכן און געביסן ביז ער איז אויפגעשוואָלן.
זיי האָבן אים אַזוי פיל בים געגעבן,
אַז ער איז קוים אַוועק מיטן לעבן.

איז ער געגאַנגען און געגאַנגען
ביז די זון איז ביים ראַנד פון הימל געהאַנגען,
האָט ער אָנגעקלאַפּט אין דער ערשטער טיר:
„גוטע מענטשן, עפנט מיר.
אפשר קאָן איך ביי אייך אַרבעט געפינען,
אויף אַ קרעקער צו פאַרדינען?"

רוקט זיך אַרויס אַ קאָפּ מיט אַ מיצל,
גיט אים די פרישע לופט אין נאָז אַ קיצל.
פרעגט ער מיט אַ פאַרזשמורעטע אייגל:
„האַפּטשו... וואָס קענסטו טאָן, גרינער פויגל?
האַלץ האַקן?
ברויט באַקן?
קליידער נייען?
פעלדער זייען?"

הייבט אָן פּאַלי זיך שאָקלען און וואַקלען,
גאָרגלט ווערטער, ווי ער וואָלט רעדער קייקלען.
שאָקלט זיך דאָס מיצל אַרויף און אַראָפּ,
און פּאַלי שאָקלט-צו מיטן קאָפּ.

— „נו, אויב דו ווילסט אַ זינגער ווערן,
וועלן מיר דיך אויסהערן,
— גיט זיך אַ וויצל דער קאָפּ מיטן מיצל —
איך האָב מיינס אַ פעטער,
האָט ער אַן אייגענעם טעאַטער.
דאָרט וועסטו אי כבוד געפינען,
אי געלט פאַרדינען”.

האָט פּאַלים האַרץ געטאָן אַ קוועל,
ער האָט זיך געגעבן שטעלן אַ שטעל
און זיך צעלאָזט מיט זיין אמתן שרייער : —
קר . . קר . . קאַראַאול . . . קר . . . קר . . . קאַראַאול . . .
קר . . קר . . קאַראַאול . . . קר . . . קר . . . קאַראַאול . . .

האָבן אַלע געמיינט, אַז ס'איז ערגעץ אַ פייער,
און פּאַלי האָט געגראַגערט מיט געוואַלדיקע קלאַנגען,
ביז מ'האָט אים פאַרטריבן מיט שטעקנס און שטאַנגען.
איז ער געלאָפן ביז ס'איז אים געוואָרן היים,
און ער האָט זיך באַגאָסן מיט טייכן שוויים.

:: :: ::

און אָט האָט פּאַלי פּאַוואָליע געעפנט אַן אייגל
און דערזען דעם בעקער ביים שטייגל
און אין האַנט ביי אים אַ בייגל.
— צייט שוין אויפצושטיין,
— צייט שוין אויפצושטיין, מיין טייערער שפּילפויגל.
האָט פּאַלי געעפנט דאָס צווייט אייגל
און אַ שמייכל געטאָן :
— אַ דאַנק דיר, בעקער, פאַרן בייגל.

אַ שפּיצל פון אַ ווינטל

ליגט אַ ביכל אויפן טיש.
קומט אַ ווינטל — גיט אַ מיש.

פליען בלעטער — אַ געיעג.
איינער אין דעם צווייטנס וועג.

דער אַהער, דער אַהין,
קיינער ווייסט ניט וואָס, וואוהין.

און די מעשה אין דעם ביכל,
וועגן קעניגס גאָלדן שיכל,

קערט זיך איבער פונקט קאַפּויער,
דרייט אַ ספּאָדעק, דרייט אַן אויער.

. . . אַמאָל, אַמאָל . . . געווען אַ שיכל,
האָט עס געהאַט אַ קעניג מיכל.

געווען דער קעניג זייער אַ בייזער ,
רופט מען אים שוין — קעניג לייזער.

האָט געשיינט ביי אים אַ פליכל
גרעסער נאָך פון גאַנצן מיכל.

נאָר קיינער וועט זיך ניט דערלויבן
פאַרן קעניג זיך ניט בויגן —

האָט דאָס פליכל זיך געטאָן אַ ווייז,
האָט פאַרנייגט זיך קינד און גרייז.

אַ לעקיש געווען איז קעניג מיכל,
נאָר געקעניגט האָט דאָס פליכל.

האָט דאָס גאָלדן שיכל
זיך אָנגעטאָן דעם קעניגס פליכל.

איז געקומען די פּרינצעסן:
— עלפֿאַנט־לעבער וויל איך עסן.

— און מוראַשקע־מילך
טרינקען וויל איך.

— אויב מען פֿאָלגט ניט מײַן באַפֿעל —
טו איך אָן אַ פֿליגן־פֿעל.

— פֿייל פֿון בויגן שיס איך באַלד —
מאַך אַ פֿליך פֿון גאַנצן וואַלד,

און טו אים אָן אויף רונדן קאָפּ
און קעניג ווערט דער לאָקשן־טאָפּ.

צעטראָגן שפּאַנט דאָס גאָלדן שיכל,
איבער בלעטער פֿונעם ביכל.

יאָגט זיך שנעל, יאָגט זיך גיך
און פֿאַרלירט דעם קעניגס פֿליך.

ווערט אַ טומל, ווערט אַ רעש —
אוי, וועט קעניג זײַן אין כּעס!

און ווערט אין כּעס קעניג מיכל,
ווײַ וועט זײַן צום גאָלדן שיכל.

די פּרינצעסן שׂרה־גנענדל
וועט דאָ אָפּלעקן אַ ביינדל.

וועט פֿאַריאָגן סינדערעלאַ
און ווערן באַלד אַ כּלה

פֿאַר דעם פּרינץ לעקישבער,
מיט אַ נאָז ווי אַ מער.

ניטאָ קיין צײַט צו טראַכטן, טרוימען.
שנעל פֿליט שיכל דורכן קוימען.

פון זיין שנעלן לויף
הייבט אַ ווינטל זיך אויף

און אין מיטן בלעטער־מיש
פונעם ביכל אויפן טיש

קומט דאָס ווינטל אָן צו לויפן
וויל געפינען וואָס געטראָפן

ס׳האָט צו גאָלדן שיכל
מיטן קעניגס פליכל.

אַז ס׳גיט דאָס פליכל זיך אַ יאָג,
איבערן פּאַלאַץ, באַלד אַ טראָג,

גלייך אויף גנענדלס קאָפּ
און אוים פרינצעסן — נאָר אַ לאָקשן־טאָפּ.

און אויפן קעניגלעכן פליכל
אויף גליטשערס פליט דאָס שיכל.

האָט דער קעניג זיך פאַרקילט
און דאָס לעבן באַלד פאַרשפּילט

און דאָס גאָלדן שיכל
איז פאַרשוואונדן פונעם ביכל.

ס׳האָט דאָס ווינטל זיך צעלאַכט
און דאָס ביכל גלייך פאַרמאַכט.

אַ פינגער אין טינט

איך האָב איבערגעקערט דעם טינטער,
איז געוואָרן אַ פלעק —
האָב איך מיטן פינגער געמאַכט צוויי פיס
און אַ ל—אַנ—ג—ן עק.

איז מיר געפעלן.

האָב איך געמאַכט אַ ל—אַנ—ג—ן, פערדישן קאָפּ
און אויפן האַלדז אַ גלאָק.
נאָר ווי קומט אויף אַ פערד אַ גלאָק?
אפשר גאָר מאַכן אַ באָק

וועט מיר געפעלן?

האָב איך מיטן פינגער געמאַכט דעם ריכטיקן באָק,
מיטן אמתן בערדל.
נאָר דאָס בערדל האָט זיך ניט געשאָקלט,
און געגלאַנצט ווי אַ שווערדל.

איז מיר גאָר געפעלן.

אויב אַ שווערדל — איז מלחמה — מיט געווער
און מיט אַרמייען.
און אַז מע לאָזט זיך אין שלאַכט — דאַרף מען
שטורעמען מיט געשרייען.

איז מיר טאַקע גאָר־גאָר געפעלן.

האָב איך געשריען און געפירט די אַרמייען
צו די פּאַלאַצן מיט די רייכע טויערן.
האָט די מאַמע דערהערט און דער טאַטע דערזען
און מיר אָנגעדרייט גוט די אויערן.

איז מיר שוין גאָר ניט געפעלן.

פּאַפּיר און פּען

פּאַפּיר איז ווייס
און טינט איז בלוי,
מאָל איך אויס אַ פּאַרמער
מיט אַ קינד און פרוי.

דער פּאַרמער ביים אַקער,
אויף פּאַסן שוואַרצע ערד.
די פּאַרמערקע האַלט די לייצעס,
דאָס קינד זיצט אויפן פערד.

פּאַרזייען זיי קאַרטאָפּליעס,
ציבעלעס און קרויט,
אוגערקעס און רעטעך
און ווייץ אויף ברויט.

וועט גיין אַ רעגן און שיינען די זון,
וועלן וואַקסן די זאַנגען הויך,
וועט זיין עסן צו זאַט
און צו דער אַרבעט כוח.

מיט פּאַפּיר און אַ פּען
איז די בעסטע שפּיל —
אויף ווייסן פּאַפּיר
מאָל איך וואָס איך וויל.

דער זייגער

דער זייגער וועקט מיך אויף
אין שול אַריין צו גיין,
אָבער ער אַליין —
בלייבט אין דערהיים.

ער ציילט פון איינס ביז צוועלף;
ער קען ניט מער —
אָבער איך קען ציילן
מער ווי ער.

אַז ס׳גייט אַ רעגן

אַז ס׳גייט אַ רעגן
וואַקסן שנעל די פלאַנצן,
ווערן קילע טייכלעך,
האָב איך ליב צו טאַנצן.

איך בין דאָך אַ קליינער,
ווייל איך אויכעט וואַקסן —
לאָזט מיך ניט מאַמע,
און זי רופט מיך עקשן.

קען איך ניט פאַרשטיין
פאַרוואָס זי רופט מיך עקשן —
איך בין דאָך אַ קליינער,
ווייל איך אויכעט וואַקסן.

מיין צייטונג

דער טאַטע לייענט אַ צייטונג,
קען איך ניט פאַרשטיין.
מאַך איך מיר אַ צייטונג
פאַר זיך אַליין.

פאַסיקלעך און רינגעלעך
מאָל איך אויף פּאַפּיר.
ווערטער און בילדער
גאָר אָן אַ שיר.

קוקט אויף דעם דער טאַטע
און קען עס ניט פאַרשטיין —
לייען איך מיר מיין צייטונג
פאַר זיך אַליין.

דער ווינט

ווער עס שפּילט אויף אַ פידל,
און ווער עס שפּילט אויף אַ פליט —
דער ווינט שפּילט אויף זאַנגען,
וואָס דער פאַרמער פאַרזייט.

ביינאַכט, ווען זאַנגען שלאָפן,
מיט זאַטקייט שווער באַלאָדן —
דעמאָלט שפּילט דער ווינט
אויף די טעלעגראַף־דראָטן.

ווען דעם ווינט ווערט גאָר פריילעך,
שפּילט ער ווי אַ גאַנצע קאַפּעליע —
ער פייפט, און קלאַפּט מיטן דאַך,
ווי מיט אַ טאַץ אויף דער סטעליע.

הוידעלקע

מוזיק פון מיכל געלבאַרט.

הוידע, הוידע, הוידעלקע,
פיסלעך אין דער הויך.
ווייסע קליינע טייבעלעך
פליען אין דער הויך.

העכער, העכער, הוידעלקע,
באַלד איז שוין דער הימל.
נאָך אַביסל, נאָך אַביסל
ריר איך אָן דעם הימל.



ערשטער מאַי

היי, פייקעלעך און פייפעלעך,
אַ מאַרש שפּילט אויף גיכער —
און לאָמיר אַ שפּאַן טאָן
מוטיק און זיכער.

זאָלן שטימען זיך פלעכטן
אין אַ פאַרביקן קראַנץ —
הענט אויף די אַקסלען,
און די פיס אין אַ טאַנץ.

זאָל לויכטן אונדזער פרייד
און קיינעם ניט פאַרשעמען —
אַ פרייד אויף די קינדער,
אַ פרייד אין די היימען.

ווער עס אַרבעט און שאַפט
פאַר אַ לעבן פריידיק פריי —
זאָל פייערן מיט אונדז
דעם ערשטן מאַי.

גייען מיר שפּאַצירן

גייען מיר שפּאַצירן,
ווייט און ווייט אַוועק,
גייען מיר און גייען,
ס'נעמט גאָרניט קיין עק.

וואָס־זשע דאַרף אונדז אַרן,
זומער איז שוין דאָ,
קומען מיר ניט איצטער,
איז שפּעטער מיט אַ שעה.

גרינע פעלדער הינטן,
בלויער הימל אויבן,
און די זון אין מיטן
באַקט אונדז ווי אַן אויוון.

גייען מיר שפּאַצירן,
טראַ, ראַ, ראַ, ראַם.
זינגען מיר און שפּילן
טידל־דע טידל־דאַם.

מוזיק פון בען יאָמען. ווערטער : משה שיפֿרים.



אויף די גרינע צווייגן

אויף די גרינע צווייגן —
וואַקסן מאַנדלען, פייגן.
אויפן גרינעם גראָז —
לויפט אַרום אַ האָז.
האָז, האָז, העזל,
מיטן קורצן נעזל.
וועוועריקל קליין
מיט די שאַרפע ציין,
מיטן קליינעם פיסל
שפּילט זיך מיט אַ ניסל.
מילך מיט האָניק
אַ פולן פּאַלאָניק *),
אַ מאַלפּע אויף אַ פערד,
עפּל אויף דער ערד.
אויף אַ ווייסער ציג
טאַנצט אַרום אַ פליג.
אויפן האַלדז פון באָק
הענגט אַ גרויסער גלאָק.
באָק, באָק, ביקל,
אויף אַ לאַנגן שטריקל.
גלאָק, גלאָק, גלעקל,
אַריינגעשטעקט אַ פלעקל.
גיט אַ קריי אַ האָן,
נעמט שנייען מאָן.
מאָן, מאָן, מאָנעלע,
כאַפּט זיך אויף חנהלע.
ווען זי איז געשלאָפן
האָט זיך עם פאַרלאָפן.

*) אַ הילצערנע לעפל.

מיני האַ האַ

מיני האַ־האַ איז אַ מיידל
מיט אַ פּנים פֿול מיט קלייען —
הייבט זי אָן צו לאַכן —
דרייט זי זיך אין דרייען.

קנייטשט זיך איין אין פֿאַלדן
איר פֿאַרריסן נעזל,
און זי הייבט אָן שפּרינגען
פֿלינקער פֿון אַ העזל.

יאָגט זיך ווי אַ טייוול,
שפּרינגט ווי אַ יינגל.
וואָס מען זאָל ניט זאָגן —
ווייזט זי באַלד איר צינגל.

זי מיאַוקעט ווי אַ קעצל
און מעקעט ווי אַ בעקל,
און ביי דער קאַץ אויפֿן עק
בינדט זי אָן אַ גלעקל.

גייט מען איר פֿאַרביי—
שטעלט זי אונטער אַ פֿיסל.
און וויל מען זיך זעצן —
לייגט זי אונטער אַ ניסל.

זי טוט אַפּ שפּיצלעך
טאַקע נאָר צום לאַכן —
אָט אַזאַ איז מיני ;
וואָס־זשע קען מען מאַכן ?

וויגליד

שלאָפט, מיינע הינדעלעך,
שלאָפט מיינע שיינע,
רוט אין אייער וויגעלע,
קינדערלעך קליינע.

דער טאַטע זוכט קערנער
אויפן בערגל מיסט,
זאָל דאָרט זיין אַרבעט
ניט זיין אומזיסט.

וועט ער עפּעס ברענגען,
וועט זיין וואָס צו עסן,
דערווייל דאַרפט איר שלאָפן —
אין אַלעם פאַרגעסן.

שלאָפט מיינע קינדער,
רוט אין אייער וויגל,
איך קען מער ניט זינגען,
שוין געענדיקט מיין לידל.

עס זינגט די וועלט איין לידל

אויף אַ צווייגל
שטייט אַ פויגל,
טרילט ער זיך אַ לידל.
זינגען זאַנגען,
קלינגען קלאַנגען —
איי־ציר־דע־טידל־דע־טידל!

אויף אַ בלימל צאַרט און דין
וויגט אַ בין זיך הער און הין
און אַ לידל פאַר זיך זומט.
זינגען גראָזן,
שאָרכן האָזן —
איי־זום־זום־זע־זום־זום!

פון אַ שטאַל, אַלט און גרוי
קוקט אַ קו אויף הימל בלוי,
ברומט אַ לידל זיך די קו.
זינגען גרילן,
זשוקעס שפּילן —
איי־מו־מע־מע־מו־מו!

שטייט אַ האָן אויף אַ פּלויט,
רייסט ער זיך פון דער הויט
און קרייט זיך פריילעך צו.
הינער קוואָקען,
קאַטשקעס קוואַקען —
אייקוקעדודל־דודל־דו!

אַ מינוט זיך ניט פֿאַרקלערט,
שפּילט דער ווינט אויף עק פֿון פֿערד
ווי אויף סטרונעס פֿון אַ פֿידל.
איי־קוקעדודל־זום־זום־זום.
טידל־דע־טידל־מו־מע־מום.
עס זינגט די וועלט איין לידל.

זינגען זאַנגען,
קלינגען קלאַנגען,
זינגען גראָזן,
שאָרכן האָזן,
זינגען גרילן,
זשוקעס שפּילן,
הינער קוואָקען
קאַטשקעס קוואַקען,
איי־קוקעדודל־זום זום־זום —
טידל־דע־טידל־מו־מע־מום —
עס זינגט די וועלט איין לידל.

קענט איר קינדער רעכענען?

איר קענט דאָך, קינדער, אַלע רעכענען —
אפשר קענט איר דאָס באַרעכענען?

אַ לאָך פון אַ בייגל,
אַ סקריפּ פון אַ טויער,
אַ קוק פון אַן אייגל,
און אַ שאָטן פון אַ מויער —
איז וויפל?

אַ קלעק פון טינט,
אַ קלונג פון אַ גלעקל,
אַ האַווקע פון אַ הינטל
און אַ מעקע פון אַ בעקל —
איז וויפל איניינעם?

אַ שאָרך פון אַ קליידל,
אַ ריח פון שפּייז,
אַ בליאַסק פון אַ נאָדל,
און די לופט פון אַ קרייז —
איז וויפל, טאַקע וויפל צוזאַמען?

האַ? צוועלף?
ניין. אַפילו ניט קיין עלף.
אַלץ צוזאַמען איז גאָרניט —
טאַקע גאָלע גאָרניט.

דאָס אַלץ קענט איר קויפן
מיטליידיקע הענט,
אָן אַ קלונג אַפילו
פון אַ צעבראָכענעם סענט.

בערעלע, פּערעלע

בערעלע, פּערעלע,
קעצעלעך מיין —
ווילט איר אַ מעשׂה —
הערט־זשע זיך איין.

ס׳איז קיינמאָל ניט געווען
און ס׳איז איצטער ניטאָ
אַ מעשׂה אַזאָ
ווי איך דערצייל דאָ.

ס׳איז קיינמאָל געווען
אַ פּרינצעסין פון גאָלד,
וואָס האָט ניט פאַרבלאָנדזשעט
אין טיף־גרויען וואַלד.

זי האָט ניט געבלאָנדזשעט
פאַרכישופט פון ליכט,
און ס׳איז ניט געקומען
קיין פּרינץ אומגעריכט.

און האָט ניט געכאַפּט זי
ראַפּטאַם אויף אַ פערד
און איז ניט פאַרשוואונדן
פון פלאַך פון דער ערד.

בערעלע, פּערעלע,
פייגעלעך מיין —
די מעשׂה איז ניט אויס,
און די מעשׂה איז ניט איין.

ביים קעמפ־פייער

אַנגעשפּילט און אַנגעלאַכט
מיטן אָוונט קומט די נאַכט.
קומט די נאַכט אַ שטילע,
קומט די נאַכט אַ קילע.

זינגען אַלע ליד נאָך ליד,
ביז מיר ווערן אַלע מיד,
ביז דאָס גלעקל קלינגט גלין־גליין,
איצט איז צייט שוין שלאָפן גיין.

פרישע צווייגן אָנגעהאַקט,
ברענט דאָס פייער, פריילעך קנאַקט,
זינגען מיר אין נאַכט אָט־דאָ,
טאַנצן מיר ביז שפּעטער שעה.

אַלע צווייגן אויסגעברענט,
ס׳האָט דאָס פייער זיי פאַרלענדט,
האָליוועשקעס קילן אָפּ,
לאָזן קעפּ זיך שטיל אַראָפּ.

קינדער שוין גענוג געוואַכט,
זומער־היים, אַ גוטע נאַכט!
ס׳איז דאָס אַש שוין מאָרגן־גרוי,
באַלד וועט פאַלן פרישער טוי.

זינגען אַלע ליד נאָך ליד,
ביז מיר ווערן אַלע מיד,
ביז דאָס גלעקל קלינגט גלין־גליין,
איצט איז צייט שוין שלאָפן גיין.

ביי דעם פייער

ביי דעם פייער
זיצן קינדער
שטיל אַרום,
ברענט דאָס פייער
און צעבליט זיך
ווי אַ בלום.

ווערן קינדער
נאָענט האַרציק,
האַנט אין האַנט —
לויכטן הערצער,
פינקלען אויגן
נאָך־אַ־נאַנד.

זיצן קינדער,
זינגען לידער,
שטיל פאַרטראַכט,
ברענט דאָס פייער,
פריילעך פלאַקערט
אין דער נאַכט.

ס׳האָט דער אָוונט
אונדז פאַרברידערט
איינם צו איינם —
ביי דעם פייער
נאָענט אַלע
גרויס און קליין.

ווייסע נאַכט

ווייסע נאַכט,
שטילע רו.
קינדער שלאָפן,
איי ליו ליו.

ס׳האָט אַ ווייסע
ווייכע האַנט
זיי פאַרוויגט
אין חלום־לאַנד.

קינדער מידע
רוען שטיל,
אין דער נאַכט
ווייס און קיל.

גאָר און גאָרניט

אַמאָל איז געווען אַ ייד,
האָט ער געהייסן יעקל בען פלעקל,
האָט ער געמאַכט אַ לעבן
פון דרייען מיטן שטעקל.

האָט ער געהאַט צוויי זין:
גאָרניט און גאָר.
האָבן זיך ביידע געהאַלטן
אויף אַן איבערגעברענטער האָר.

האָט גאָר געמאַכט אַ לעבן
פון דרייען מיטן שטעקל,
אַזוי ווי זיין טאַטע
יעקל בען פלעקל.

און גאָרניט האָט געאַרבעט,
געפּראַצעוועט זייער שווער
פון פרימאָרגן ביז ביינאַכט,
אָן אַ טראַכט און אָן אַ קלער.

גאָר מיטן שטעקל האָט געדרייט
אַ גאַנצע וואָך
און פאַרדינט האָט גאָר דעם בייגל,
און גאָרניט — דעם לאָך.

האָט גאָר אָנגעזאַמלט
בייגל זייער אַ סך,
און גאָרניט — לעכער
פֿאַר אַ גאַנצענעם דאַך.

האָט גאָר זיך געוואַרעמט
אין זיין פּאַלאַץ — רייך און גרויס,
און ביי גאָרניט האָט אָנגערונען
רעגן אַ גאַנצע הויז.

די מאַמע וואָך מיט די זיבן טעג

אַמאָל איז געווען אַ מאַמע
האָט זי געהייסן — ו ו אָ ך .
האָט זי געהאַט זיבן מעת-לעת.

האָט איינער געהייסן — ז ו נ ט י ק .
דער צווייטער — מ אָ נ ט י ק .
דער דריטער — ד י נ ס ט י ק .
דער פערטער — מ י ט ו ו אָ ך .
דער פינפטער — ד אָ נ ע ר ש ט י ק .
דער זעקסטער — פ ר י י ט י ק .
און דער זיבעטער האָט געהייסן — ש ב ת .

האָבן זיך די זיבן —
צעטיילט אויף — פּערצן.

זיבן — ווייסע
און זיבן — שוואַרצע.
האָבן זיבן געזאָגט — טאָג.
האָבן זיבן געזאָגט — נאַכט.

האָבן זיך די שוואַרצע געהאַלטן גרויס —
זיינען די ווייסע געווען קליין.
האָבן זיך די ווייסע געהאַלטן גרויס —
זיינען די שוואַרצע געווען קליין.
די ווייסע און די שוואַרצע
האָבן ניט געהויזט צוזאַמען —
כאָטש אַלע זיינען געבוירן
פון איין מאַמען.

זיינען די ווייסע געקומען,
זיינען די שוואַרצע אַוועק.
זיינען די שוואַרצע געקומען,
זיינען די ווייסע אַוועק.
אַזוי אַ מעשה אָן אַן עק
און אָן אַ ברעג.

און געווען איז אַזוי —
פון אָנפאַנג זיינען אַלע אַוועק
פון מאַמע וואָך.
און צוריקגעקומען איז —
דער ערשטער ז ו נ ט י ק
און דער לעצטער — ש ב ת .

אין דער קורצער צייט
צווישן שבת און זונטיק —
האָבן זיך אַלע געגעבן אַ טרעף
אַ צעקריג
און ווידער אַ צעלויף —
כאָטש נעם זיי קיין מאָל ניט צונויף.
דעם האָט מען גערופן —
ק ו ר ץ - פ ר י י ט י ק ,
און יענעם —
ל אַ נ ג ע ר - ש ב ת - ל אָ ק ש ,
און דעם מיטלסטן —
ק י י ל ע כ ד י ק ע ר מ י ט וו אָ ך .

און די מאַמע וואָך
האָט זיי אַרומגעבונדן
מיט אַ נאַסן האַנטעך דעם קאָפּ
און געקרעכצט :
— קינדער, אוי, אַ בראָך !

צי די טענות זיינען געווען גערעכטע,
אָדער אומגערעכטע,
לאָזן מיר צו אייך,
נאָר איינער צום צווייטן
איז טאַקע ניט געווען גלייך.

דער ערשטער, זונטיק,
איז געווען אַ לײדאַק־לײדיקגײער,
געהוליעט און געכאַליעט,
געשלאָפן און גערוט,
גאָר נישט ניט געטאָן
און געלעבט ווי אַ גראַף,
אַרײנגעכאַפּט אַ שטיק פון שבת
און לאַנג געווען ווי אַ זשיראַף.

דער צווייטער — מאָנטיק,
איז געווען אַ גרויסער האָרעפּאַשניק.
געפּראַצעוועט, געאַרבעט,
הויך ווי אַ דראָנג
און דין ווי אַ מצה,
איינגעפאַלענע באַקן
און געבויגן די פּלייצע.

דער דריטער — דינסטיק, —
האָט שוין געאַרבעט אַביסל לייכטער.
אויסגעזען אַביסעלע בעסער,
אָבער אויפן פּנים האָט מען געזען
אַז ער איז ניט קיין פרעסער,
און אַז ער אַרבעט כמעט
האַנט אין האַנט מיט מאָנטיק.

דער פערטער — מ י ט װ ו אָ ך,
האָט זיך געװאַקלט
אַהין און אַהער,
געאַרבעט אַביסעלע שװער,
זיך אָנגעשפּאַרט
אויף די ערשטע דריי
און די לעצטע דריי,
שוין פאַרמאָגט אַ שטיקל בייכל,
פאַרגינט זיך אַ מאָל אַ יאַיכל,
און צום סוף מיטװאָך
געגעבן אַ הוליע.

דער פינפטער — ד אָ נ ע ר ש ט י ק,
איז געװען כמעט אַ צװילינג
צו מ אָ נ ט י ק.
אויסגעבלייכט און אויסגעדאַרט
פון צופיל האָרעװאַניע,
נאָר מיט אַביסל האָפענונג.

דער זעקסטער — פ ר י י ט י ק,
האָט זיך אַביסעלע אונטערגעפּוילט,
ניט מער װי אַ קאַפּעטשקע.
אָבער גענוג געאַרבעט
פאַר זיינע קורצע כוחות.

דער זיבעטער — ש ב ת,
זעט איר,
איז שוין געװען אַ האַלב פּויל,
האָט ליב געהאַט אַריינצוכאַפּן
אַ גוטן ביסן אין מויל,
ס'איז געװען ביי אים
פּופּציק־פּופּציק.
האַלב אַרבעט — האַלב פּויל.

אַ הוליע טאָן און קומען שפּעט,
איז געווען ביי אים
ניט קיין נאָווינע,
נאָר אַ געוויינלעכע זאַך.

האָבן געטענהט
מ אָ נ ט י ק,
ד י נ ס ט י ק,
מ י ט װ א ָ ך,
ד אָ נ ע ר ש ט י ק
און פ ר י י ט י ק
צו ברודער ז ו נ ט י ק:
— סטייטש? יושר?
מיר ווילן אויך זיין אַמאָל יום־טוב.
אויך גוט אָפּעסן
און זיך אָפּרוען די ביינער
און גיין אין טעאַטער,
און זען אַ מואווי.

ש ב ת גיט מיטן בייכל אַ צערוק די ברידער
און וויל אַ צעפּיר טאָן הענט און מויל,
גיבן אים די ברידער אַ שאַר אַוועק:
— ער אויך, דער קלעק.
און ווידער צו ברודער ז ו נ ט י ק:
— פאַרוואָס שטענדיק דו?
און צו ברודער ש ב ת:
— און דו?
מיר ווילן אויך רו.
יום־טוב, איר פאַרשטייט, יום־טוב — אַלע.

רופט זיך אָפּ קורץ־פרייטיק
פּיפּיק און זשוואָווע:
טאַקע, אַוודאי,
וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָדע —
ווידער זונטיק
און ווידער שבת.
פאַר וואָס קומט עס אייך,
אויסגעכאַליעטע שקראַבעס?
האַ?

און מאָנטיק רעדט פראָסט און ערלעך:
— אַלע דאַרפן האָבן אַ שאַנס.
מען דאַרף איינשטעלן אַזוי:
איין מאָל — זונטיק יום־טוב.
אַ צווייט מאָל — מאָנטיק יום־טוב.
אַ דריט מאָל — דינסטיק יום־טוב.
אַ פערט מאָל — מיטוואָך יום־טוב.
אַ פינפט מאָל — דאָנערשטיק יום־טוב.
אַ זעקסט מאָל — פרייטיק יום־טוב.
אַ זיבעט מאָל — שבת יום־טוב.

לאָמיר אויפהענגען אַ צעטל אויף דער וואַנט
און זאָל עס גיין נאָכן „נעקסט״.
אַלע גלייך — אַרבעטער;
אַלע גלייך — יום־טוב.
מיר זיינען געבוירן גלייך
דאַרפן מיר לעבן גלייך.
בין איך גערעכט,
צי ניט?
אַ שאַנס פאַר יעדן.
ניט בלויז פאַר זיי ביידן.

טענהט ז ו נ ט י ק און ש ב ת באַמקעט צו:
— אָבער סטייטש, וואו איז דאָס געהערט געוואָרן?
ס'איז דאָך שוין אַזוי פון אַלע יאָרן,
פון אייביק אָן — נאַ, לייען אין די ספרים.

ווערט שוין מ אָ נ ט י ק טאַקע גוט אין כעס
און שפּיזלט זיי מיט האַס:
— „שאַראַפ" מיט דיינע ספרים־שמאָרים.
ביכער־שמיכער.
דו האָסט צייט זעצסטו זיך און לייענסט זיך
און שרייבסט זיך.
ווען איך האָב צייט, לייען איך מיר אויך,
זאָגט ער מיר ספרים.
שמאָרים.

די מאַמע נעצט איין אַ פרישן האַנטעך
צום קאָפּ —
— ס'איז שוין אַריבער דער צווישן שבת און זונטיק,
קינדער.

טענהן זיי:
— יושר?
ווערט אַ ווײַלע שטיל
און ס'גיבן אַ מאַך מ אָ נ ט י ק און ד אָ נ ע ר ש ט י ק,
און ד י נ ס ט י ק, מ י ט װ ו א ך און פ ר י י ט י ק
שאָקלען צו מיט די קעפּ:
— גוט, דערווייל גייען מיר אַרבעטן,

אָבער מיר זיינען נאָך ניט פאַרטיק.
מיר וועלן אַזוי לאַנג רעדן,
און מאָנען,
און פאָדערן,
ביז מיר וועלן דערגרייכן וואָס מיר ווילן —
מיט ווערטער וועט מען זיך מער ניט שפּילן,
ס'עט זיין ווי מיר אַלע אַרבעטער ווילן:

איין מאָל — זונטיק יום-טוב,
אַ צווייט מאָל — מאָנטיק יום-טוב.
אַ דריט מאָל — דינסטיק יום-טוב.
אַ פערט מאָל — מיטוואָך יום-טוב.
אַ פינפט מאָל — דאָנערשטיק יום-טוב.
אַ זעקסט מאָל — פרייטיק יום-טוב.
אַ זיבעט מאָל — שבת יום-טוב.

אַלע אַרבעטן גלייך.
אַלע יום-טובן גלייך.

עטלעכע ווערטער

זינט עס איז אַרויס מיין ערשט ביכל לידער, אין 1922 ביז דעם יאָר 1950, זיינען דערשינען פון מיר צען ביכער (לידער, דערציילונגען, קינדער־ביכער און כרעסטאָמאַטיעס) און אַ צאָל קעשענע־ביכלעך. אָבער זינט 1950 האָב איך ניט אָפּגעדרוקט קיין איין בוך.

די סיבה, אָדער סיבות, קאָנען ניט דערקלערט ווערן אין די עטלעכע ווער־טער, וואָס ס׳איז אָפּגעשפּאָרט געוואָרן פאַר מיר אין דעם בוך, וואו איך בין געצוואונגען, צוליב עקאָנאָמיע, אריינצוגעבן וואָס מער לידער, און אַ היפּש ביסל אויסלאָזן.

געגוי וועל איך דערציילן וועגן דעם אין דריטן באַנד פון מיין אויטאָ־ביאָגראַפיע.

דער צוזאַמענשטעל פון די לידער איז אויף צוריקוועג. איך הייב אָן מיט די לעצטע לידער, וואָס איך האָב געשריבן אין די לעצטע יאָרן און פאַרענדיק מיט מיינע מדבר־לידער פון 1922־1925, פאַר דער אָפּטייל „אין טעג פון טרויער". דאָ און דאָרטן, אינמיטן בוך, האָבן זיך פאַרבריידערט עטלעכע לידער פון פריער־שפּעטער. איך האָף, אַז דאָס וועט ניט שטערן די האַר־מאָניע פון בוך.

געדאַרפט האָט איצט דערשיינען דער ערשטער באַנד פון מיין אויטאָ־ביאָגראַפיע „פון בעלץ קיין ניו־יאָרק", אָבער צוליב דעם דרוק פון נאָענטע פריינט, וואָס זיינען באַשטאַנען, אַז ס׳איז שוין צייט עס זאָל דערשיינען מיינס אַ ניי בוך לידער, האָב איך דערווייל אָפּגעלייגט מיינע פאַרהאַנדלונ־גען מיט אַ ישראל־פאַרלאַג, און דער ערשטער באַנד פון מיין אויטאָביאָ־גראַפיע וועט דערשיינען שפּעטער.

מ ש ה ש י פ ר י ס

אַ דאַנק דעם קאָמיטעט

אַ האַרציקן דאַנק די שריפטשטעלער, לערער און קולטור־טוער, וועלכע האָבן מיט זייער אָנשליסן זיך אין „משה שיפרים יובילײַ בוך־קאָמיטעט" דערמוטיקט און געהאָלפן די דערשיינונג פון דעם בוך.

אַ יישר כוח די פאָלגנדיקע אַקטיוויסטן פון קאָמיטעט פאַר זייער אײַנבערגעבענער אַרבעט: טוביה לעווין (פאָרזיצער), מערי לעווין, י. ראָזנבאום (קאָ־פאָרזיצער), לאה הערים (פינאַנץ־סעקרעטאַר), שמואל און אסתר קעלערמאַן (געהילפס־סעקרעטאַר), ז. און אסתר זכריה, מאיר און רחל דריבינסקי, איידע מיטשל, סיימאָן און ראָוז לעווין, בערל און לאה ראלער, שיינדל און נאָרמאַן געווירצמאַן, סעם ליפּצין, און אַ באַזונדערן דאַנק דעם סעקרעטאַר קאַרל וואַסערמאַן, וועלכער האָט געטראָגן אויף זיך דעם גאַנצן יאָך און אחריותדיק דורכגעפירט זיין אַרבעט.

מ ש ה ש י פ ר י ם

„ספאָנסאָרס"

אַ וואַרעמען דאַנק די „ספּאָנסאָרס" (ביישטייערער) פאַר זייער ברייט־האַרציקן אָפּרוף. אָן זיי וואָלט דאָס בוך ניט געזען די ליכטיקע וועלט.

ז. און אסתר זכריה
מאיר און רחל דריבינסקי
אוירווינג און רות נאָוויק
יצחק ראָזנבאום
ס. גרין
פעטעלומאַ יידישער פאָלקס־כאָר (דורך יעטאַ גורשטיין)
גרענד סטריט קולטור קלוב
שמואל און אסתר קעלערמאַן
סיימאָן און ראָוז לעווין
ליזאַ פּאָראָלסקי
אהרן און בעסי קאָלטער
יאַנקל און ציטלין דאַראָשקין
איידע מיטשל (אין אָנדענק פון איר מאַן טשאַרלס)
שרה בוירלאַנד (אין אָנדענק פון איר מאַן אהרן)
שרה בוירלאַנד (אין אָנדענק פון איר ברודער אַרטשי שאַפּיראָ)
גיטאַ סאָלנדזשער (אין אָנדענק פון איר מאַן פרענק)
שיינדל און נאָרמאַן געווירצמאַן (אין אָנדענק פון אונדזער מאַמע און שוויגער בייטשע פענצטער)
הערי און שוירלי גאָלדבערג
יאָסל און סאָניאַ איצקאָוויץ
בעלאַ גאָלדווירט
אברהם גאַמפּעל (קאַנאַדע)
לאה הערים, יעטאַ און באָריס גורשטיין (אין אָנדענק פון אַל. הערים)
בען און חיה בענאָוויץ, פלאָרידאַ
שמואל דוד יוטין
אברהם און חנה בלאַנק
דאָראַ קאַזאַן (אין אָנדענק פון איר מאַן אַלטער)
מאָלי טרייבוש (אין אָנדענק פון איר מאַן שמעון, קאַליפאָרניע)